בעזהשי"ת

הילולת
מוהרנ"ת זי"ע
שנת תשמ"ז
בעמוד כ"ט

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קנ"ז

יו"ל: ו' טבת ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

געלעבט א לעבן

'השומר אמת לעולם'

ווען מען זאל נישט קריגן אויפן רבי'ן

עבודה שאין לשער ואין לתאר

דער רב דער מתנגד

געהייסן ברענגען דעם רבי'ן א בענקל

שֶׁטָעַם באמת טעם ארץ ישראל

נישט געקענט ווארטן

נסיעתו לברסלב דרך אומאן

אויסהוילן דעם מח

ווען נישט רבי נתן...

געהייסן 'נישט לאכן'

מען רייסט מיר ביי די פּאָלעס

דעם רבי'נס מח - רבי נתנ'ס מויל

'והסתכל בי הרבה'

עד אפיסת הכוחות

פארוואס זיצן מיר דא?

אזא רבי און אזא תלמיד

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זי"ע


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו-כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #157**

בס"ד

# הילולת רבינו

**חוה"מ סוכות - ח"י תשרי - משנות התש"ל**

## געלעבט א לעבן

היינט וועט מען רעדן פון דעם רבי'נס הסתלקות. מיר ווען אביסעלע רעדן פון דעם רבי'נס 'חיי מוהר"ן'. רבי נתן האט אנגערופן דעם ספר דעם רבי'נס "חיי מוהר"ן" - אז דער רבי האט געלעבט 'א גאנצער לעבן'! און זיין (אייגענעם) ספר האט ער אנגערופן "ימי נתן". מיר רופן עס "ימי מוהרנ"ת", אבער רבי נתן האט עס גערופן 'ימי נתן', אז ביי אים איז נאר געווען 'טעג'[א].

אין דער מעשה פון דער 'פליג מיט דעם שפין'[ב], דערציילט דאך דער רבי ווי אזוי ער איז געקומען אין דער וועלט. דער רבי דערציילט דארטן: "דער מלך איז אַנטדרימלט געווארן, און ער האט געהאלטן א דומיט, און פון דעם דומיט זענען ארוים גוזמאות מענטשן, און ביי דעם מלך האט געהאנגען א קרוין, און די מענטשן וואס זענען ארוים

---

[א] עיין הקדמת קונטרס 'אמונת עתיך': הִנֵּה נוֹדַע בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ מַה שֶּׁדִּבֵּר פַּעַם אַחַת מוֹרֵנוּ, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָתָן, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, אוֹדוֹת אֲשֶׁר עַל הַסֵּפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אֲשֶׁר בּוֹ מְסַפֵּר מֵחַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ, הָרַב רַבִּי נַחְמָן, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, יִחֵס הַשֵּׁם "חַיִּים", וְעַל הַסֵּפֶר יְמֵי מוֹהַרְנַ"תְּ, אֲשֶׁר בּוֹ מְסַפֵּר מֵהָעִתִּים אֲשֶׁר עָבְרוּ עָלָיו בְּעַצְמוֹ, יִחֵס הַשֵּׁם "יָמִים". וְאָמַר מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן, זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עַל זֶה, כִּי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ זָכָה בֶּאֱמֶת לִחְיוֹת בְּכָל פַּעַם חַיִּים חֲדָשִׁים בְּהַשָּׂגוֹת נוֹרָאוֹת וְנִפְלָאוֹת שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אֲשֶׁר הֵם עִקַּר הַחַיִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: (דברים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ", וְכַאֲשֶׁר פַּעַם אַחַת הִתְפָּאֵר בְּעַצְמוֹ וְאָמַר: (הקד' חיי"מ, ושם בסימן ח, ת) "אֲנִי חָיִיתִי הַיּוֹם חַיִּים, שֶׁלֹּא חָיִיתִי עֲדַיִן מֵעוֹלָם חַיִּים כָּאֵלֶּה"; וְעַל כֵּן לְסִפּוּרֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים נָאֶה לָהֶם בֶּאֱמֶת לְיַחֵס הַשֵּׁם "חַיִּים"; אֲבָל אָנֹכִי, אֲשֶׁר אֵין לִי לִינֹק וְלִשְׁאֹב שֶׁפַע וּלְקַבֵּל חִיּוּת, כִּי אִם עַל יְדֵי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ, אֲשֶׁר הוּא חַיַּי וְאֹרֶךְ יָמַי, הַמַּשְׁפִּיעַ עָלַי בְּכָל עֵת חָכְמָה וּבִינָה וָדַעַת, וְרַק עַל יָדוֹ זָכִיתִי בְּכֹחוֹ הַגָּדוֹל לִשְׁמֹר וּלְקַדֵּשׁ אֶת יָמַי לִחְיוֹת יָמִים טוֹבִים וּקְדוֹשִׁים בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, עַל כֵּן הַשֵּׁם "יָמִים" נָאֶה לְיַחֵס עַל סִפְרִי, אֲשֶׁר אֲסַפֵּר בּוֹ מֵהָעִתִּים אֲשֶׁר עָבְרוּ עָלָי.

[ב] מעשה ז' מספה"ק סיפורי מעשיות.

פון דעם דומיט האבן אראפגענומען דעם קרוין און אריינגעווארפן אין די בלאטע, און זיי האבן געוואלט הרג'ענען דעם מלך".

נו, אונזערע לייט טייטשן דאך דאס, דער אמת'ער צדיק ער איז דער שורש פון אלע 'נשמות ישראל'. דער רבי זאגט אין דער תורה 'תקעו ממשלה'[ג], "וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל", זיי (- הצדיקים) זענען אויך די 'מקומו של עולם'. איז די אלע נשמות וואס גייען ארויס פון דעם דומיט, אלע נשמות ישראל, זיי אליין שטייען אויף אויף דעם מלך און ווילן אים הרג'ענען, זיי ווארפן דעם קרוין אין די בלאטע[ד]; נאר וואס דען, דער אויבערשטער האט דאך פארט רחמנות, איז דא עקסטער א שומר אויף דעם אמת'ן צדיק, וואס דער שומר היט אפ דעם 'אמת' פון דעם אמת'ן צדיק אז דער 'אמת' זאל נישט פארפאלן ווערן.

## 'השומר אמת לעולם'

רבי נתן האט געזאגט אמאל א משל אויף דעם פסוק "הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם", קעגן דעם רבי'נס זאך; מיר וועלן עס איבערערעדן, [אונזערע לייט פלעגן זאגן אזוי, אז מען רעדט א דיבור פון דעם רבי'ן, אפילו מען האט אים שוין געהערט, איז אויך זייער גוט; עס איז אזוי ווי מען לופטערט איבער ספרים[ה]; האט מען שוין אמאל דעם דיבור געהערט, ווערט מען אים נאכאמאל הערן]. האט רבי נתן אזוי געזאגט[ו], ער האט געגעבן א משל: עס איז פארהאנען דארטן די פריצים, פאָרן זיי אוועק דארטן אין לענדער אריין

---

[ג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות י"ד, וזל"ש: וּמִי שֶׁאוֹחֵז בִּבְחִינַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, בִּבְחִינַת שָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם, בִּבְחִינַת (שְׁמוּאֵל א ב): "וְכִסֵּא כָבוֹד יַנְחִילֵם, כִּי לַה' מְצוּקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל". דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, שָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, עַל יְדֵי זֶה הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם, בְּחִינַת: '**וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל**'.

[ד] עיין 'כוכבי אור' 'חכמה ובינה' אות מ"ב מה שמביא בשם זוה"ק בראשית דף כ"ח ע"א: וּבְגִין דָּא מֹשֶׁה לָא מִית, וְאָדָם אִתְקְרֵי אִיהוּ, וּבְגִינֵהּ אִתְּמַר בְּגָלוּתָא בָּתְרָאָה 'וְלָאָדָם לֹא מָצָא עֵזֶר' אֶלָּא כֻּלְּהוּ 'כְּנֶגְדּוֹ'.

[ה] עיין משניות ב"מ פ"ב מ"ח.

[ו] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות רע"ו; גם עיין 'כוכבי אור' - סיפורים נפלאים; גם עיין 'מכתבי ר' נתן בר"י' מאור ליום ד' בשלח תרמ"ב: וכבר אמר אדמו"ר מוהרנ"ת זצוק"ל, כשגבר עליו המחלוקת מאד החיה עצמו בזה הפסוק "השומר אמת לעולם", שהשי"ת בעצמו שומר האמת לעולם.

און קויפן דארטן אזא מין 'גרעין', א מין געוויקס, און זיי ברענגען דעם 'גרעין' וואס קאסט זייער אסאך געלט, און מען פלאנצט אים איין אין א 'וואַזאָן' (עציץ) זייער א טייערן, און דער 'גרעין' לייגט מען אריין אין דער וואזאנע, און פון דארטן דארף ארויסוואקסן עפעס א שיינער בלום.

אבער דער 'גרעין' מוז ווערן פארפוילט, עס העלפט דאך נישט, ער מוז ווערן פארפוילט, און פון די גידים וועט ווערן א נייער בלום, א נייער בוים. האבן דאך די פריצים מורא אז ביז דער 'גרעין' וועט אויסוואקסן, קען דערווייל קומען עפעס דארטן אַן עוף און אויספיקען דעם 'גרעין' און ס'וועט פון אים גארנישט בלייבן. שטעלט מען אוועק א שומר, זיי האבן דאך געצאלט די פריצים, אז דער שומר זאל שטיין שטענדיג און היטן דעם גרעין עס זאל נישט פארפאלן ווערן ביז עס וואקסט ארויס דער גוטער בלום, דער שיינער בלום.

אט דאס איז "השומר אמת לעולם"; אויף דעם אמת'ן אמת פון דעם אמת'ן צדיק, לאקערט מען זייער, מען וויל אים ארויסרייסן, מען וויל אים מבטל זיין, מען קריגט אויף אים; איז דער אויבערשטער אליין א 'שומר' פון דעם 'אמת', דער אויבערשטער אליין היט אפ דעם אמת אז דער אמת זאל נישט נאבד ווערן.

ממילא, אז דער אויבערשטער היט אים אפ - עס שטייט דאך ביי השם יתברך[ז]: "הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל"; ער איז 'שומר ישראל' אז אויף קיין רגע הערט ער נישט אויף זיין שמירה! טאמער זאל חלילה איין רגע נפסק ווערן די שמירה פון דעם אויבערשטן, איז שוין 'אוים' וועלט.

דער 'שומר' איז נאר דער אויבערשטער אליין וואס ער איז א שטענדיגער 'שומר', ער היט אפ דעם 'אמת לאמיתו' פון דעם אמת'ן צדיק. ער האט אויף זיך אסאך קריגערס און אסאך שונאים, אסאך וואס ווילן אים אויסרייסן; נאר, אויף דעם 'אמת לאמיתו' שטייט דער אמת'ער 'שומר' און ער היט אים אפ.

---

[ז] תהלים קכא, ד.

ער ווערט טאקע נתבלה דערווייל אין דער ערד, אבער נאר ביז עס וועט ארויסוואקסן דער אמת'ער בלום וואס דארף ארויסוואקסן[ח].

אין תורה ס"ו ברענגט דער רבי דארטן[ט]: "עיקר גדולתינו ותפארתינו" - דער עיקר אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, "וועט מען וויסן לעתיד!".

דער עיקר דעם רבי'נס זאך, די שיינקייט פון דעם רבי'נס זאך, וועט מען לעתיד ארויסזעהן, דאס וועט מען שפעטער וויסן.

דערווייל איז דא אזעלכע וואס זיי ווילן אים ארויסרייסן אינגאנצן; אבער עס איז א גרויסער התחזקות אז 'השומר אמת לעולם', דער אויבערשטער אליין ער איז דער 'שומר' אז מען זאל נישט קענען אים אויסרייסן[י].

❖

## ווען מען זאל נישט קריגן אויפן רבי'ן

ברענגט דער רבי דארטן (בַּמעשה הנ"ל): מען האט די נשמה אראפגעפירט אין דעם עולם. איז געקומען צו גיין דער ס"מ און ער האט געזאגט א טענה: "אז די נשמה וועט אראפקומען אין דער וועלט - וואס האב איך צו טוהן?!". ווארום דער רבי האט אזא מין כח - -

**רבי נתן ברענגט: "ווען מען זאל נישט געווען קריגן אויפן רבי'ן, וואלט דער רבי מקרב געווען די גאנצע וועלט צום אויבערשטן!"[יא].**

---

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות קס"ד, במכתב שכתב רביז"ל לאחיו הרב ר' יחיאל ז"ל: כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גִּדּוּלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל, כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם.

[ט] אות ג': עִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ יִתְגַּלֶּה לֶעָתִיד לָבוֹא, שֶׁאָז יֵדְעוּ וְיִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלָּתֵנוּ. כִּי אָז יִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלַּת וְתִפְאֶרֶת הַצַּדִּיקִים וְהַכְּשֵׁרִים, אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם!

[י] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבועות ה"ב אות י"ב: וְזֶה בְּחִינַת '**הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם**'. וּכְתִיב, '**וֶאֱמֶת ה' לְעוֹלָם**', בְּחִינַת 'שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד'. 'כּוֹנַנְתָּ' לֹא כְּתִיב אֶלָּא 'תִּכּוֹן', **שֶׁבַּסּוֹף לֶעָתִיד יִתְגַּלֶּה הָאֱמֶת** כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּמוּבָא בְּדְבָרֵינוּ בְּמָקוֹם אַחֵר, עַיֵּן שָׁם.

[יא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבת ה"ה אות ט': **וְאִם זֶה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר הָיָה נִתְגַּלֶּה בָּעוֹלָם, וְכָל**

**ווער איז 'די וועלט'? די וועלט איז די 'גרעסטע מענטשן' און די 'קלענסטע מענטשן'. דער רבי - דער אמת'ער צדיק - ער קען ווייזן די 'גרעסטע מענטשן' אז זיי ווייסן נאך גארנישט, דערמיט איז ער 'זיי' מקרב; און ער קען ווייזן די 'קלענסטע מענטשן' אז דער אויבערשטער איז 'מיט' זיי און 'ביי' זיי, און דער אויבערשטער 'וויל' זיי, דערמיט איז ער 'זיי' אויך מקרב; אט דאס איז 'די וועלט'[יב].**

**איז דער ס"מ ווייסט דאך גוט דעם כח פון דעם אמת'ן צדיק, פון דער נשמה, האט ער א טענה: "אויב די נשמה וועט אראפקומען אין דער וועלט - וואס האב איך שוין צו טוהן?" האט מען אים געענטפערט: "די נשמה מוז אראפגיין אין דער וועלט, און דו - גיב דיר אַן עצה!".**

**האט ער זיך אַן עצה געגעבן, ער האט געבראכט אַן אלטיטשקן, אַן איינגעבויגענעם, און ער האט געלאכט.**

**זאגן אונזערע לייט אזוי: דער רבי האט זייער מקפיד געווען מען זאל נישט זיין 'אַלט', און דער רבי האט גערעדט זייער אסאך אז מען זאל נישט מאכן קיין 'ליצנות'. ווארום טאקע קעגן דעם רבי'נס זאך האט ער זיך אַן עצה געגעבן מיט לאכן - מען לאכט זיך**

---

**הָעוֹלָם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלָיו בֶּאֱמֶת, הָיָה הָעוֹלָם כְּבָר מְתֻקָּן.** כִּי זֶה הַצַּדִּיק יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְתַקֵּן כָּל הָעוֹלָם אִם לֹא הָיוּ מַעֲלִימִין וּמַסְתִּירִין אוֹתוֹ אֲבָל בְּכָל דּוֹר וָדוֹר יֵשׁ בְּחִינַת מִלְחֲמוֹת עֲמָלֵק. וְעִקַּר מִלְחַמְתּוֹ שֶׁל עֲמָלֵק יִמַּח שְׁמוֹ הִיא רַק דַּיְקָא נֶגֶד הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַזֶּה שֶׁהוּא הָרֹאשׁ בַּיִת ... עַל כֵּן כָּל מִלְחַמְתּוֹ הוּא מַה שֶּׁמְּעַרְבֵּב אֶת הָעוֹלָם בְּכָל עֵת. וְעוֹשֶׂה מַחֲלֹקֶת גָּדוֹל בְּכָל עֵת עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַזֶּה שֶׁהוּא הָרֹאשׁ בַּיִת כְּדֵי לְהַרְחִיק אֶת יִשְׂרָאֵל מִמֶּנּוּ כְּדֵי שֶׁלֹּא יָשׁוּבוּ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי הַצַּדִּיק הַזֶּה שֶׁהוּא הָרֹאשׁ בַּיִת שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם לְמוּטָב כַּנַּ"ל; גם עיין 'חיי מוהר"ן' אות קט"ו: **וְלוּלֵא שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַל הָעוֹלָם עַד שֶׁלֹּא הָיָה הָעוֹלָם כְּדַאי לִינֹק מֵאוֹר כָּזֶה וְעָמַד וּגְנָזוֹ, הָיָה נִתְגַּלֶּה גְּדֻלָּתוֹ בָּעוֹלָם וְהָיָה מַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.**

[יב] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ז', וזל"ש בקיצור (מליקו"ע): גַּם הוּא (- הצדיק) יָכוֹל לִלְמֹד וּלְהָאִיר בְּדָרֵי מַעְלָה וּבְדָרֵי מַטָּה, לְהַרְאוֹת לְהַגְּבוֹהִים בְּמַעֲלָה שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּחִינַת 'מֶה חָמִיתָ מַה פִּשְׁפַּשְׁתָּ' וְכוּ', וּלְהֵפֶךְ, לְדָרֵי מַטָּה שֶׁהֵם הַמֻּנָּחִים בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד בְּתוֹךְ הָאָרֶץ מַמָּשׁ בְּתַכְלִית הַיְרִידָה, לְהַרְאוֹת לָהֶם, שֶׁעֲדַיִן ה' עִמָּם וְאֶצְלָם וְקָרוֹב לָהֶם, לְחַזְּקָם וּלְאַמְּצָם שֶׁלֹּא יִתְיָאֲשׁוּ חַס וְשָׁלוֹם, בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם; גם עיין 'חיי מוהר"ן' אות מ"ו: עָנָה וְאָמַר: אֲנִי יָכוֹל לִלְמֹד אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל. וְכֵן לְהֵפֶךְ אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ'.

אוים, מען מאכט דערפון א געלעכטער, דערמיט שטערט מען אינגאנצן דעם רבי'נס זאך; דער רבי האט זייער מזהיר געווען דערויף[יג].

דאס ווייסט מען, מען קען אפרעדן אין אידישקייט פון התעוררות וויפיל שעה'ן - און מיט איין ווערטל צעקלאפט מען דאס אינגאנצן; מיט איין געלעכטער מאכט מען דאס אינגאנצן בטל! אט דאס איז געווען זיין עצה - פון דעם בעל-דבר[יד].

'אַן אלטיטשקן' - מען זאל מאכן די זאך זאל ווערן 'אַלט'; און 'לאכן' דערפון. אבער אזוי ווי מיר האבן פריער גערעדט, די נשמה גייט אראפ אין דער וועלט, און אַן 'לעומת' איז שוין דא צוגעגרייט, א גרויסער 'לעומת', א גרויסע 'התנגדות', אבער דעם אמת וועט מען נישט אויסרייסן.

דאס איז נאך א זאך; איידער די נשמה איז אראפ אין דעם עולם, האט מען שוין געהאט אויבן א קטרוג (- הס"מ), 'אז די נשמה איז א גרויסע נשמה, אז זי וועט קומען אויף דער וועלט, וואס האב איך שוין צו טוהן אין דער וועלט?!'.

ממילא דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן וואס די נשמה איז יא אראפ אין דעם עולם, און מיר האבן היינט ברוך ה' א התקרבות און א שייכות צו דער נשמה.

❖

## עבודה שאין לשער ואין לתאר

מיר וועלן אביסעלע ארומרעדן פון אנהויב אָן; דאס ווייסן מיר, מיר האבן געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז די עבודה פון דעם רבי'ן דאס קען מען נישט משער זיין, דאס קען מען נישט מתאר זיין מיט קיין שום ציור, דאס איז געווען געוואלדיג, אזא מין

[יג] עיין 'אוצר היראה' ערך 'ליצנות' אות ז': אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי מִשֵּׁם בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר 'לִקּוּטֵי-הֲלָכוֹת' זַ"ל שֶׁאָמַר בְּעַל-פֶּה, שֶׁעִקַּר הַטֻּמְאָה וּפֶתַח הַטֻּמְאָה הוּא לֵיצָנוּת, וְאַסְמְכֵהּ אַדִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל שֶׁאָמְרוּ (במס' יומא לח, ב): הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ" וְכוּ', הַשֵּׁם יַצִּילֵנוּ.

[יד] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מיום ד' ויקרא ת"ר: אֵין שׁוּם חִדּוּשׁ בָּעוֹלָם אֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֱמֶת וְעָמֹק וְנִשְׂגָּב מְאֹד וּמְחַיֶּה הַכֹּל, שֶׁלֹּא יוּכְלוּ לְהַפְּכוֹ לְלֵיצָנוּת. וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל כֹּחַ הַבְּחִירָה וְכוּ'. אַךְ הָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ וּשְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד. וְאַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם ה'.

עבודה וואס דער רבי האט געהאט אין זיך אין די 'ימי הבחרות', ביי די זעקס יאר[טו], ביי די זיבן יאר, ביי די אכט יאר, דאס קען מען נישט מתאר זיין, מיר ווייסן אז עס איז געווען געוואלדיגע עבודות וואס וויפיל מען רעדט קען מען עס נישט מתאר זיין.

איך האב געהערט, איך ווייס נישט בבירור, אבער אזוי האב איך געהערט, אז ביים רבי'ן, דער טאג פון זיין בר־מצוה איז געווען די חופה! אפשר אביסל שפעטער צו אביסל פריער, נאר אזוי האב איך געהערט, אז עס איז געווען צוזאמען די בר־מצוה מיט דער חופה.

רבי שימעלע דעם רבי'נס תלמיד איז מקורב געווארן צום רבי'ן נאך פאר דער חופה. ער איז מקורב געווארן - נאכן באדעקן דער כלה האט דער רבי זיך אסאך מתבודד געווען און ארויסגעגאנגען מיט אים דארטן חוץ פון שטאט, און ער האט מיט אים גערעדט דיבורים פון דעם תכלית, און ר' שימעלע האט שוין געזעהן ווער דער רבי איז, נאך פאר דער חופה[טז].

ר' שימעלע האט א זאג געגעבן צום טירהאוויצער מגיד'ס איידעם אויף רבי נתן'ען; ער איז געווען אמאל אויף א שבועות ביי רבי נתן'ען - ר' שימעלע, ער איז געקומען צו פארן פון ארץ ישראל. האט ער געהערט ווי רבי נתן האט געזאגט דער תורה פון "תקעו תוכחה" אין א 'הלכה' אויף דער תורה. די תורה פון "תקעו תוכחה" דאס איז די לעצטע תורה וואס דער רבי האט געזאגט פאר דער הסתלקות, האט מען נישט אזוי געהערט פון דעם רבי'ן, דער רבי האט דאס געזאגט זייער שטיל, דער רבי איז געווען זייער שלאַף. אז רבי נתן האט געזאגט דער תורה, איז עס ממש געווען אזוי ווי א נייע תורה, מיט א 'הלכה'.

האט ר' שימעלע א זאג געגעבן צו ר' איצע דעם מגיד'ס איידעם: **"איך בין א מבין אויף א גוטן אידן; א סימן, אז איך האב אפגעלאזט אלע גוטע אידן, און איך האב זיך מקרב געווען צו א אינגל!"** [נאך פאר דער חופה, א אינגל פון דרייצן יאר איז דאך א אינגל; 'איך האב אלע גוטע אידן אפגעלאזט, און איך האב זיך מקרב געווען צו א

---

[טו] עיין חיי מוהר"ן אות רל"א; שבחי הר"ן אות א'; שם אות י"ט.

[טז] עיין חיי מוהר"ן אות ק"ה-ק"ו.

אינגל, בין איך דאך א מבין אויף א גוטן אידן]. "**זאג איך אייך, היינט איז רבי נתן דער מנהיג הדור!**".

קומט אויס, אזוי האבן אונזערע לייט דערציילט, אזביים רבי'ן איז געווען די 'בר־מצוה' מיט דער 'חופה' צוזאמען.

נאך דער חופה ווייטער, קען מען אויך נישט ארומרעדן[יז]. רבי אברהם, זכרונו לברכה, פלעגט דערציילן, עס איז נישט קיין מעגליכע זאך צו דערציילן די עבודה וואס דער רבי האט געארבעט נאך דער חתונה.

דער רבי איז געווען נאך דער חתונה אין א דארף, א שטעטל, הייסט עס 'אוסיַאטין', דאס איז א דארף צווישן 'טשעהרין' און 'אלעקסאנדעראווקע', דארטן איז געווען דעם רבי'נס (וואוינארט) נאך דער חתונה[יח].

דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן צו ר' שימעלע'ן: "**וואס האט מיר געטויגט דאס פרסום? דא 'בכל פסיעה ופסיעה' האב איך געפילט טעם גן עדן!**"[יט].

דער רבי האט א זאג געגעבן: "**מיט זיי צוזאמען איז זייער גוט פרום צו זיין!**"[כ] - מיט די גרעזעלעך און עשבים.

דאס קען מען נישט ארומרעדן אסאך, נאר מיר ווייסן אז די עבודה פון דעם רבי'ן איז געווען געוואלדיג.

ביי די 'אכצן יאר' איז דער רבי ארויס קיין מעדוועדיווקע און ער איז געווארן א 'רבי'! כמה סיפורים איז דא, עס שטייט שוין פארשריבן וואס עס איז געווען דארטן אין אלעקסאנדעראווקע, עס איז געווען דארטן א מעשה מיט א ברית ביים רבי'ן[כא]; און א

---

[יז] עיין שבחי הר"ן אות ג': וְתֵכֶף בִּיצִיאָתוֹ מִן הַחֻפָּה הָיָה מִתְלַהֵב מְאֹד וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְנִכְנַס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיּוֹם אֶל יוֹם.

[יח] עיין שיחות הר"ן אות קי"ז; חיי מוהר"ן אות ק"ה.

[יט] חיי מוהר"ן אות ק"ז.

[כ] עיין שיחות הר"ן קס"ג.

[כא] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן (ב') אות כ"ו.

מעשה איז געווען דארטן מיט דעם רבי'ן מיט זיין שווער וואס האט געהאט דעמאלט יארצייט[כב]; אסאך זאכן איז געווען וואס דאס האט גורם געווען אז דער רבי האט אנגעהויבן נתגלה צו ווערן; אבער ביי די אכצן יאר איז דער רבי ארויס קיין מעדוועדיווקע און שוין געווארן א 'רבי'.

## דער רב דער מתנגד

אין מעדוועדיווקע האט דער רבי אויך געהאט אויף זיך התנגדות[כג], עס איז געווען פון איינעם א מלמד, און פון איינעם א רב. אביסל וועלן מיר רעדן פון דארטן אויך. אין מעדוועדיווקע האבן אנגעהויבן מקורב צו ווערן צום רבי'ן פון ארום מעדוועדיווקע, דארטן איז מקורב געווארן רבי אהרן דער רב, און רבי שמואל אייזיק און רבי יודל, און ר' בער, דער טירהאוויצער מגיד, דאס איז אלעם מקורב געווארן אין מעדוועדיווקע[כד].

רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי רבי פינחס קאריצער זכרונו לברכה. דער רבי האט געזאגט אויף רבי פינחס'ן: **"ער איז געווען א שטיק צייט א 'חד בדרא'!"**[כה]. דער רבי האט געזאגט: **"וואויל זענען די אויגן וואס האבן געזעהן רבי פינחס'ן!"**[כו]. איז רבי יודל געווען א תלמיד ביים רבי פינחס קאריצער.

רבי פינחס קאריצער איז נפטר געווארן תקנ"א, און רבי יודל איז מקורב געווארן צום רבי'ן - קען מען זאגן - נ"ב-נ"ג, אלץ פאר ארץ ישראל. תקנ"ח איז דער רבי געפארן קיין ארץ ישראל.

איז געווען א רב ארום מעדוועדיווקע, א גרויסער מתנגד אויפן רבי'ן. אין דעם שטעטל איז שוין געווען מקורבים וואס פלעגן פארן צום רבי'ן. איז ווען זיי פלעגן קומען פונעם רבי'ן, פלעגט זיי דער רב אנטוהן צרות, ער פלעגט זיי זייער רודפ'ן פארוואס זיי

---

[כב] שם אות מ"ז.

[כג] עיין חיי מוהר"ן קי"ב.

[כד] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן מאות י"ט ולהלן.

[כה] חיי מוהר"ן תקנ"ג.

[כו] שם.

פארן צום רבי'ן. פלעגן זיי אלץ דערציילן דעם רבי'ן אז זיי האבן געוואלדיגע התנגדות פון דעם רב.

דער רבי האט אלץ געשוויגן.

איינמאל אבער האבן זיי געזאגט דעם רבי'ן: "רבי, מיר קענען נישט אוועקפארן אהיים, ער וועט אונז אנטוהן אזעלכע צרות - מיר קענען נישט אוועקפארן!". איינער פון דעם רבי'נס חסידים איז געווען דער 'פרנס'. ער איז געווען דער פרנס פון דעם שטעטל. איז אין די דריי יאר וואס ער איז געווען דער פרנס, זענען זיי איינגאנצן געווען ביי אים; וואס ער האט געוואלט האט ער געטוהן.

האט דער רבי געזאגט צו דעם פרנס: "אז איר וועט קומען אהיים, זאלט איר זאגן דעם רב: 'דער רבי האט געזאגט אז אויב דו וועסט נישט אויפהערן - וועסטו שטארבן!'. און ער וועט דאך נישט אויפהערן, וועט ער דאך שטארבן; זאג איך אייך אָן, איר זאלט אים נישט לייגן אין פעלד, נאר ביים פארקן!". [נישט צוזאמען וואו עס ליגן דארט אלע נפטרים, נאר ביים פאַרקן (- אצל הגדר), דארט פלעגט מען לייגן די בעלי־עבירה, צו עפעס איינער וואס איז נישט קיין יחוס המשפחה]. האט דער רבי אנגעזאגט דעם פרנס ער זאל אזוי טוהן.

אז דער פרנס איז געקומען אהיים, האט ער געזאגט דעם רב אזוי ווי דער רבי האט געהייסן: "זאלסטו וויסן - אזוי האט דער רבי געזאגט, אויב דו וועסט נישט אויפהערן, וועסטו שטארבן!".

ער האט דאך נישט אויפגעהערט, איז ער טאקע געשטארבן.

אז דער רב איז געשטארבן, איז מען געפארן פון אלע שטעטלעך ארום, מאכן עפעס א לויה מיט הספדים, א גאנצער כבוד; אבער מען דארף אויסקלויבן עפעס א קרקע פאר דעם רב. זאגט דער פרנס: "ביי דעם פארקן!" - "דעם רב ביים פארקן?!" - (והוא באחת:) "ביים פארקן!".

מען האט אים געוואלט שלאגן, מען איז אוועקגעלאפן צו די פאליציי דארטן, צו די פון די מלוכה - "דער רב איז געשטארבן און אונז דארפן א בכבוד'יגן פלאץ - זאגט דער פרנס - נאר ביי דעם פארקן - וואס איז דאס עפעס?!".

זיי ענטפערן דארטן, "דאס איז זיינע דריי יאר, ער איז בעל־בית; אז איר ווילט נישט? איז דערנאך וועט איר אים מער נישט מאכן, איר וועט אים מאכן אויס!".

האבן זיי געזעהן אז עס גייט נישט, און אז מיט בייזן וועלן זיי גארנישט (- פועלן); האבן זיי אנגעהויבן זייער וויינען - די משפחה - פארן פרנס - "וואס האסטו געזעהן אויפן טאטן אז דו ווילסט אים אנטוהן אזא בזיון - פארוואס?!".

האט ער רחמנות געהאט, ער האט נישט געקענט פארליידן דאס רחמנות, האט ער געהייסן אים לייגן אינעווייניג אין פעלד. שוין.

נאכדעם אז ער איז געקומען צום רבי'ן - 'אוי, איך האב דאך נישט געפאלגט דעם רבי'ן', 'איך האב דאך נישט געפאלגט דעם רבי'ן!' האט ער זיך אנגעהויבן פארן רבי'ן צו פארענטפערן: "רבי, איך האב רחמנות געהאט אויף זיי!".

זאגט דער רבי: "דו האסט רחמנות - און איך נישט?! מתים פון הונדערטער יארן זענען געקומען צו מיר - זיי האבן זיך פאַרקלאָגט אז זיי האבן נאך אזא מיאוס'ן נפטר נישט געהאט!".

זעהען מיר וואס איז אין דעם עולם, אזא מין העלמה פארשטעלט די וועלט; א רָב קריגט אויף דעם רבי'ן, אויף דעם אמת'ן צדיק, וואס אזעלכע גדולים זענען זיינע תלמידים, און ער איז אזא מיאוס'ער נפטר וואס מתים פון הונדערטער יארן פאַרקלאָגן זיך אז זיי האבן נאך אזא מיאוס'ן נפטר נישט געהאט! - אזא מין העלמה איז דא אין דער וועלט.

## געהייסן ברענגען דעם רבי'ן א בענקל

נאך איז געווען א מעשה מיט א מלמד, וואס דער מלמד האט אויך אנגעהויבן צו קריגן אויפן רבי'ן.

דער גרויסער רבי נחום (טשערנאבלער) פלעגט אלע יארן קומען קיין מעדוועדיווקע. האבן זיי אים געזאגט (- חבריו של המלמד): "וואס וועסטו מאכן? ער איז דאך דעם בעל שם'ס אַן אייניקל, און ער האט דאך אזעלכע תלמידים, דו ועסט גארנישט מאכן; נאר

אז רבי נחום וועט קומען און דו וועסט קענען עפעס צופירן רבי נחום'ען אז ער זאל עפעס רעדן, דעמאלט וועסטו געווינען!". האט ער געווארט ביז רבי נחום איז געקומען.

ער איז געווען א גרויסער עזות פנים - דער מלמד, האט ער אזוי צוגעפירט אז ווען דער רבי איז געגאנגען צו רבי נחום'ען, האט ער געזעהן אז עס זאל נישט זיין קיין שום בענקל נאר איין בענקל אויף וואס רבי נחום איז געזעצן - נאך א בענקל זאל נישט זיין, דער רבי זאל נישט האבן וואו צו זיצן.

ר' חייקל האט געוואוינט אין מעדוועדיווקע. אז ר' חייקל האט דערזעהן ווי דער מלמד לויפט אריין פריער און לאזט נישט אז עס זאל זיין א בענקל, איז ר' חייקל אריין פריער און ער האט געגעבן א געשריי: "**דעם רבי'ן א בענקל!**". [ר' חייקל איז געווען א חזן, ער האט געגעבן א געשריי מיט א קול: 'דעם רבי'ן א בענקל!']. געווענטליך (- פארשטייט זיך) האט מען שוין דעם רבי'ן געגעבן א בענקל.

האט ר' חייקל (שפעטער) געזאגט, [דעמאלט איז נאך רבי נתן נישט געווען מקורב], דער רבי איז געזעצן מיט רבי נחום'ען א גאנצע נאכט, און זיי האבן ביידע גערעדט. האט ער אויסגעמאלט ווי אזוי דער רבי איז געזעצן; אזוי ווי מען זיצט אין א ווינקל פון א טיש, דער זיצט אין דער זייט, און דער אין דער זייט; האט דער רבי געהאלטן דער האנט אזוי, און רבי נחום האט געהאלט דער האנט אזוי, און איינער האט געקוקט צום אנדערן; א גאנצע נאכט האבן זיי גערעדט איינער מיטן אנדערן.

האט שוין דער מלמד געזעהן ער האט גארנישט וואס צו טוהן...

אזוי איז ווייטער געווען מיט דעם רבי'נס זאך, דער רבי איז אפגעווען דארטן אין מעדוועדיווקע ביז נ"ח.

## שֶׁטָעַם באמת טעם ארץ ישראל

תקנ"ח איז געווען דער יאר וואס דער רבי איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל. עס איז שוין פארשריבן די נסיעה פון ארץ ישראל. פלעגט אויך רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגן, די גרויסקייט פון דעם רבי'נס ארץ ישראל קען מען גארנישט משער זיין און מתאר זיין!

אזעלכע גרויסע מענטשן, דער בעל שם הקדוש האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל און נישט געקענט, דער רבי נפתלי כ"ץ האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל און נישט געקענט - ער איז געבליבן אינמיטן וועג.

אויך דער רבי לייב סטראסטיניצער, ער איז געווען גאר א חבר פון דעם בעל־שם הקדוש; אמאל האט דער בעל־שם הקדוש געדארפט טוהן עפעס א זאך און ער האט געמוזט אנקומען צו רבי לייב'ן; און דער רבי לייב איז געפארן קיין ארץ ישראל און ער איז געבליבן אינמיטן וועג.

און דער רבי איז געווען א יונגערמאנטשיקל, יונגער פון זיי אלע, און וואס אויף אים איז איבערגעגאנגען - מען זעהט דאך דארט אין דער באשרייבונג פון ארץ ישראל[כז], ווי ער האט זיך אזוי אראפגעלאזט אין אזא מין קטנות[כח], ער האט זיך געשפילט מיט די פרענקעלעך, און געגאנגען אָן קיין כובע עליון נאר מיט א גארטעלע אזוי...[כט] און דער אויבערשטער האט געהאלפן - דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל און אזוי פארזוכט דעם 'ארץ ישראל'!

אין ליקוטי מוהר"ן איז דא א תורה[ל]: "מי שיודע מארץ ישראל, שטעם באמת טעם ארץ ישראל". פלעגט רבי אברהם ז"ל זאגן, אט דער לשון שטייט נישט אין ליקוטי מוהר"ן אויף קיין שום זאך נאר אויף ארץ ישראל - "שטעם באמת טעם ארץ ישראל" - ער האט באמת פארזוכט דעם טעם פון ארץ ישראל!

אט דאס איז געווען ביים רבי'ן, ער האט באמת פארזוכט דעם טעם פון ארץ ישראל.

אז דער רבי האט נאר געגעבן א טרעט דעם ערשטן טראָט, האט ער שוין גע'פועל'ט אלעם וואס ער דארף[לא].

---

[כז] שבחי הר"ן חלק שני; חיי מוהר"ן מאות קכ"ט ולהלן.

[כח] עיין חיי מוהר"ן אות ק"מ.

[כט] שם אות קל"ט; שבחי הר"ן חלק שני אות י', י"ב.

[ל] תניינא סי' מ'.

[לא] שבחי הר"ן חלק שני אות ט"ו.

רבי נתן שרייבט[לב]: "וואויל איז א 'ילוד אשה' וואס ער איז זוכה דערצו אז מיט איין טראָט זאל ער שוין דערלאנגען פון ארץ ישראל וואס ער דארף!".

אביסל קענען מיר זאגן, מיר האבן דאך געקענט רבי אברהם ר' נחמן'ס ז"ל, אויף אים האבן מיר אויך געזעהן אז ער האט פארזוכט דעם טעם פון ארץ ישראל!

רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז ער פלעגט רעדן פון ארץ ישראל, האט מען געזעהן אז עס איז נשתנה געווארן צורתו, ער האט אנגעהויבן ברענען, ער האט אנגעהויבן פלאקערן, עס האט אין אים געקאכט א געוואלדיגער 'התלהבות אש' אז ער האט גערעדט פון ארץ ישראל, ער האט אנגעהויבן צו ווערן רויט אזוי ווי פייער![לג] מען האט געזעהן אין אים אז ער איז 'טָעַם באמת טעם ארץ ישראל'!

ער איז געווען א קראנקער מענטש פון חולי מעיים, און ער איז געפארן ניינצן נסיעות פון 'חוץ לארץ' קיין 'ארץ ישראל' און פון 'ארץ ישראל' קיין 'חוץ לארץ' (צום רבי'ן אויף ראש־השנה). דעמאלט 'פאָרן' איז נישט געווען אזוי ווי היינט, עס איז געווען דארטן א תערובות, א געוואלדיגע זאך איז געווען.

נאר וואס דען, איך בין געווען מיט אים צוזאמען דארטן די קארגע פיר יאר, און ער פלעגט רעדן; טאמער איז געקומען צו רעדן פון ארץ ישראל, איז ממש - ער האט געברענט און געפלאקערט. האט מען אויך געזעהן אויף דעם אידן א בחינה פון 'טָעַם באמת טעם ארץ ישראל', ער האט פארזוכט דעם 'טעם' פון ארץ ישראל.

דאס איז אויך פון די גרויסע זאכן, מיר דארפן זיך מחיה זיין - 'ברוך ה' מיר זענען דאך אין ארץ ישראל! ברוך ה' עס איז דא א גרויסער קיבוץ פון דעם רבי'ן!' דאס איז דאך אלץ מיט זיין כח!

דער רבי האט דאך א זאג געגעבן: "אייך וועט שוין זיין גרינגער!"[לד].

---

[לב] עיין שבחי הר"ן חלק שני אות כ"ח; חיי מוהר"ן אות קל"ד.

[לג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה מה שביאר רביז"ל עה"פ: "וַיִּקֹּד אַרְצָה" - שֶׁהָיָה לִבּוֹ בּוֹעֵר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[לד] חיי מוהר"ן אות ט"ו; ימי מוהרנ"ת חלק שני אות ב'.

מיר האבן ברוך ה' אזא מין רבי'ן וואס האט פארזוכט באמת דעם 'טעם' פון ארץ ישראל, מיר דארפן זיך טאקע מחיה זיין דערמיט, מיט דאס גרויסקייט פון ארץ ישראל.

דער רבי זאגט אין א תורה[לה], 'ארץ-ישראל' איז די זאך פון 'תפילין'. טאקע אין דער תורה וואו דער רבי זאגט "שטעם באמת טעם ארץ ישראל", זאגט דער רבי דארטן, 'ווער קען באמת פילן דעם טעם פון ארץ ישראל? דער וואס זעהט דאס 'התפארות' פון יעדן אידן, ער פילט דאס 'התפארות' פון יעדן איד!'.

**טאקע, וואו זעהט מען נאך אזא מין התחזקות ווי וואס דער רבי גיסט אויף יעדן אידן?! דער רבי איז דאך נישט מייאש קיינעם, 'אפילו אם עצמו עוונותיו' איז דער אויבערשטער מיט דיר! דער רבי האט דאס געקענט ווייזן טאקע; אזוי ווי ער האט געקענט ווייזן דעם גרויסן אז ער ווייסט נאך גארנישט, אזוי האט ער געקענט ווייזן דעם קליינעם אז 'גאט איז מיט דיר, ביי דיר און לעבן דיר!'.**

## נישט געקענט ווארטן

אז דער רבי איז געקומען אהיים פון ארץ ישראל, איז אוועקגעגאנגען אנדערהאלבן יאר, און דער רבי האט חתונה געמאכט דער טאכטער אדל'ע. דער רבי האט זיך משדך געווען מיט דעם חמעלניקער רב - רבי אברהם בער - רבי אברהם דוב, ער איז געווען אַן אײדעם ביים תולדות, ער האט טאקע געדרוקט דעם תולדות. די חתונה איז געווען תק"ם אלול אין חמעלניק[לו].

אויף דער חתונה איז געווען דעם רבי'נס פאטער און דעם רבי'נס מוטער. דער רבי ברענגט טאקע דארטן אז די מוטער איז געווען א גרויסע צדיקת. די ברידער - דער רבי ר' ברוכ'ל מיטן 'דגל' - האבן איר גערופן "פייגעלע די נביאה". האט זי געזעהן די אלע צדיקים אויף דער חתונה, דעם בעל שם הקדוש האט זי געזעהן, רבי נחמן הארידענקער, די אלע צדיקים האט זי געזעהן; דער רבי האט געזאגט אויף איר אז זי האט געזעהן.

---

[לה] ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ז.

[לו] עיין כל זה בחיי מוהר"ן אותיות קי"ג-קי"ד.

האט דער רבי חתונה געמאכט אדל'ע אין חמעלניק, וואלט ער דאך גענדארפט פארן צוריק נאך דער חתונה קיין מעדוועדיווקע. איז אבער דער רבי אריינגעפארן קיין זלאטיפאלע. קיינער האט נישט געוואוסט פארוואס; פון חמעלניק וואלט ער דאך גענדארפט קומען קיין מעדוועדיווקע; ער האט גארנישט געפרעגט, ער איז אריינגעפארן קיין זלאטיפאלע אום אלול תק"ס, דאס איז פון די פארהוילענע זאכן פון דעם רבי'ן[לז].

דער טירהאוויצער מגיד האט טאקע געזאגט צום רבי'ן: "ווען איר זאל געווען מיר מודיע זיין, וואלט איך ווען אריינגעטראגן דעם רבי'ן דארטן בכבוד!" [- דארטן איז געווען זיין מגידות], האט דער רבי געזאגט: "איך קען נישט ווארטן!"[לח].

אז אונזערע לייט זענען געוואויר געווארן אז דער רבי איז דארטן, זענען אלע געפארן קיין זלאטיפאלע צום רבי'ן אויף ראש השנה. איז ראש השנה האבן זיי אפגעגעבן דעם רבי'ן כבוד, מען האט געגעבן דעם רבי'ן דארטן אז ער זאל מאכן זיינע בעלי־תפילות, דער רבי זאל מסדר זיין אלעם וואס ער וויל.

אבער נאך ראש השנה זענען דאך זיי (- אנ"ש) אוועקגעפארן אהיים; איז אויף יום־כיפור איז שוין געבליבן דער רבי דארטן נאר אזוי - עס איז שוין נישט געווען (דער עולם); ממילא זענען שוין די בעלי־תפילות געווען פון שטאט.

אז עס איז געקומען צו נעילה, איז צוגעגאנגען דאווענען א חזן. שטייט[לט], ער איז 'נשתקל (מילולי') געווארן, ער האט נישט געקענט רעדן, ער האט נישט געקענט דאווענען, עס האט געמוזט צוגיין אַן אנדערער צו נעילה - ער האט נישט געקענט דאווענען.

אויף דער נאכט, מוצאי יום כיפור נאכן תענית, האט דער רבי א זאג געגעבן א מין 'דבר צחות' אויף די בעלי־תפילות. די בעלי־תפילות יום־כיפור האבן געדאווענט א שווער מיט אַן איידעם. האט דער רבי א זאג געגעבן א דבר צחות: "זיי האבן געדאווענט מיט דער מטבע של אברהם אבינו, 'בחור ובתולה מצד זה, זקן וזקנה מצד זה'; 'ער'

---

[לז] חיי מוהר"ן אות קי"ד.

[לח] שם.

[לט] שם.

**האט געדאווגט אז ער זאל געפעלן דער שוויגער, און ער האט געדאוונט ער זאל געפעלן דער שנור!" - אזוי האט דער רבי געזאגט אויף די ביידע בעלי תפילות.**

**"איך האב געדארפט פועל'ן ביים אויבערשטן עפעס א זאך, האט דער בעל-תפילה מיר געמאכט - - " אז אזא בעל-תפילה גייט צו צום עמוד, דער שווער איז צוגעגאנגען צו נעילה מיט אזעלכע 'כוונות' ער זאל געפעלן דארטן דער שוויגער, האט ער דאך געוועהנטליך דעם רבי'ן קאליע געמאכט; "האב איך אים צוגענומען פון דעם עמוד!".**

**יענער איז געווען אין זלאטיפאלע פון די גרויסע מענטשן, און דא האט דער רבי יענעם אויפגעדעקט וואספארא דאווענען ער האט געדאוונט. ער איז געווען א חסיד ביים 'זקן', איז ער אוועקגעפארן צום 'זקן' און ער האט דארטן געעפנט דאס מויל און געמאכט א 'מחלוקת'. דער אנהויב מחלוקת האט זיך גענומען פון דעם 'חזן' וואס איז נשתקל געווארן ביי נעילה.**

**וואס דארטן האט זיך געטוהן אין די צוויי יאר, דאס קען מען נישט וויסן[מ]. אלול איז דער רבי אריין אין זלאטיפאלע, און ס"ב איז דער רבי ארויס פון זלאטיפאלע קיין ברסלב.**

**אז דער רבי האט זיך ארויפגעזעצט אויף דער פיר, האט ער א זאג געגעבן: "משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש; איך בין דא געווען צוויי יאר, 'כאן סבלתי תרתי גיהנום'!" - דא האב איך געליטן צוויי מאל גיהנום[מא].**

**אין זלאטיפאלע אליין, אינדרויסן האט אזוי געברענט א פייער, און דארטן איז אויך מקורב געווארן (מקורבים), דארטן איז מקורב געווארן דעם מגיד'ס איידעם, און נאך מקורבים אסאך זענען מקורב געווארן[מב].**

---

[מ] עיין חיי מוהר"ן אות קי"ד: רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר שֶׁהוּא מֻכְרָח לֵישֵׁב שָׁם מִן הַשָּׁמַיִם כִּי הוּא מְתַקֵּן שָׁם חֵטְא שֶׁל יָרָבְעָם בֶּן נְבָט.

[מא] חיי מוהר"ן אות קט"ו.

[מב] עיין חיי מוהר"ן קי"ד-קט"ו: וְיָשַׁב שָׁם שְׁתֵּי שָׁנִים רְצוּפִים וְקֵרַב שָׁם הַרְבֵּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... בָּעוֹלָם הָיָה הַמַּחֲלֹקֶת הוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר וְכָל מַה שֶּׁקֵּרֵב יוֹתֵר אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הִתְגַּבֵּר הַמַּחֲלֹקֶת יוֹתֵר.

דאס איז דאך צוויי זאכן; דא קאכט זיך א פייער ארום און ארום; און דא טוהט זיך דער רבי זיינ'ס, ער איז מקרב מענטשן, ער טוהט זיך זיינ'ס.

וואס דער רבי האט געטוהן די צוויי יאר אין זלאטיפאלע, קען מען דאך אוודאי נישט וויסן, אוועקגעפארן פון דער חתונה, נישט אוועקגעפארן אהיים נאר גלייך אריינגעפארן אין זלאטיפאלע, און דארט געזעצן צוויי יאר אין אזא מין מחלוקת.

## נסיעתו לברסלב דרך אומאן

דערנאך איז דער רבי ארויס קיין ברסלב, אויך אלול. אז מען פארט פון זלאטיפאלע קיין ברסלב, אויפן וועג מוז מען דורכפארן אומאן, מען מוז דורכפארן דעם טויטן בריקל - א בריקל - 'דאס טויטע בריקל' רופט מען עס. אז מען פירט דורך א נפטר (צום בית הקברות), פלעגט מען דורכפירן דורך דעם בריקל. דאס בריקל איז פונקט אנטקעגן דעם רבי'נס ציון היינט.

אז דער רבי איז געפארן קיין ברסלב, איז דער רבי אפגעבליבן אין ברסלב אכט יאר, איז דאך דאס געווען א מעשה פון אכט מיט א האלבן יאר (נאך פאר אומאן).

אז דער רבי איז דורכגעפארן דעם בריקל, צוויי גירסאות איז דא: טייל זאגן אז דער רבי איז אראפגעגאנגען פון דער פיר און ער איז צוגעגאנגען צו דעם ארט וואו עס איז היינט 'קברו הקדוש', און ער איז דארט געשטאנען אביסעלע. און א טייל זאגן אז ער איז נישט אראפגעגאנגען, נאר ווי ער איז דורכגעפארן דעם בריקל, האט ער זיך אפגעשטעלט און ער האט אנגעוויזן מיט דער האנט אויף דעם ארט: **"אט דא איז גוט צו ליגן!"**[מג] - דאס איז געווען תקס"ב.

דעם שבת האט דער רבי געהאלטן אין אומאן, דער רבי האט געהאלטן א שבת אין אומאן. דער רבי איז איינגעשטאנען ביי איינעם, ער האט געהייסן ר' אברהם חיים.

---

אֲבָל הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עָשָׂה אֶת שֶׁלּוֹ, וְעָלָה בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה וּבְכָל רֶגַע לְמַעֲלוֹת גְּבוֹהוֹת וְרָמוֹת אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר כְּלָל.

[מג] כוכבי אור - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

נאכדעם איז ער געווארן טאקע א מקורב, ער האט געהאט א זון ר' משה, זיי זענען געווארן מקורבים צום רבי'ן.

יענעם שבת איז אויך אנגעקומען איינער עפעס א גרויסער גענעראל קיין אומאן, און ער איז איינגעשטאנען אנטקעגן דעם איינפאר (- אכסניא, של רבינו).

אין דער שטאט אומאן זענען געווען מחקרים גרויסע, מען האט זיי גערופן 'אפיקורסים-מחקרים', זיי זענען געווען צוויי איידעמער מיט א שווער[מד], און זיי זענען געווען די גאנצע בעלי-בתים פון שטאט; אז מען האט געוואלט צונעמען עפעס א רב, א רבי'ן, האט מען געמוזט אנפרעגן זיך אין זיי; אָן זיי האט מען גארנישט געקענט טוהן.

מען ווייסט אז דער בארדיטשוב'ער רב האט געהאלטן א שבת אין אומאן, ער האט געוואלט ווערן אומאנער רב, און זיי האבן נישט געוואלט, איז ער נישט געווארן. מען ווייסט אז דער שפיטיווקער רב איז געווען אין אומאן, און זיי האבן נישט געוואלט, איז ער נישט געווארן.

אז דער רבי איז געקומען, און זיי זענען באלד געוואויר געווארן אז עס איז געקומען עפעס א רבי, רופט זיך אָן דער איידעם צום שווער: 'מיר וועלן זיך אביסל צושפארן; דו גיי דארט דורך און זעה וואס איז ער - צו קען מען מיט אים עפעס רעדן צו נישט - זעה וואס איז ער!'.

איז דער שווער צוגעקומען צום רבי'ן, דער רבי איז געזעצן ביים טיש און גערעדט. קומט אריין דער שווער, פרעגט אים דער רבי: 'וואס וויל א איד?!'. זאגט ער: 'איך האב געהערט אז עס איז דא א גרויסער מאן אין שטאט, בין איך געקומען מיט אים זיך זעהן!". זאגט אים דער רבי: "דארט איז דאך אויך דא א גרויסער מאן!" - דער גענעראל וואס איז דארטן איינגעשטאנען אנטקעגן איבער - "פארוואס גייסטו זיך נישט מיט אים זעהן?!". האט ער געשוויגן, ער האט נישט געענטפערט.

אז ער איז געקומען אהיים, האט ער געזאגט צו די איידעמער אזוי: "איך האב מיט אים גערעדט א ווארט, כאטש ער האט מיך געענטפערט אביסעלע נישט אזוי בכבוד'יג, אבער איך זעה עס איז דא מיט וועמען צו רעדן!".

---

[מד] משה לאנדא והירש בער היו חתני נחמן נתן ראפאפארט שהיה חתן חייקל הורביץ (שיש"ק).

זענען אויפגעשטאנען ביידע און געגאנגען צום רבי'ן. בשעת זיי זענען אריינגעקומען צום רבי'ן האט דער רבי גערעדט תורה, און דער רבי האט פאר זיי קיין תורה נישט געוואלט זאגן. האט דער רבי געגעבן א פארדריי דער תורה און אריינגעגאנגען אין א גרויסן חשבון.

זיי הערן דעם חשבון, זעהען זיי, "דעם חשבון מיינט ער נישט 'די חברה', זיי האבן נישט דערמיט קיין שייכות, דאס מיינט ער שוין אונז!".

'דאס איז א גרויסער טיפער חשבון - דאס מיינט ער אונז'.

זיי גייען דאך מיט שטארקייט, זאגן זיי: "נו, זאגט איר דעם חשבון!", האט דער רבי געזאגט דעם חשבון.

האבן זיי שוין געזעהן וואס דאס איז... האבן זיי באקומען אזא - - זיי האבן שוין געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל שוין בלייבן דא אין אומאן. האט דער רבי געזאגט: "ניין, איצטער נישט; איצטער פאר איך אוועק קיין ברסלב; עס וועט נאך זיין א צייט דארטן!"[מה].

דער רבי איז אוועקגעפארן קיין ברסלב, דער רבי איז אפגעווען אין ברסלב אכט יאר; דאס איז געווען תקס"ב, און דער רבי איז געווען אין ברסלב ביז תק"ע, דאס איז אכט יאר מיט נאך עפעס.

ברסלב האט דער רבי אנגערופן: "דאס איז די פאבריקע פון אידישקייט!"[מו].

וואס אין ברסלב האט זיך געקאכט אין דעם רבי'נס זאך - עס איז דאך א געוואלד געווען! דער נאמען איז טאקע פארבליבן "ברסלב". דער רבי איז געוועזן אין מעדוועדיווקע, דער רבי איז געווען אין זלאטיפאלע, און געווען אין אומאן, נאר דער נאמען איז פארבליבן "ברסלב"[מז].

---

[מה] עיין כל זה ועוד ב'כוכבי אור' - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

[מו] עיין ימי מוהרנ"ת ח"א אות ל"ח.

[מז] עיין חיי מוהר"ן אות קט"ו: עוֹד שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת סָמוּךְ לִכְנִיסָתוֹ לִבְרֶסְלַב מָזְגוּ לוֹ כּוֹס יַיִן לְקִדּוּשׁ, וְנִשְׁפַּךְ עַל הָאָרֶץ. וּמָזְגוּ לוֹ כּוֹס אַחֵר, וְקִדֵּשׁ עָלָיו. **וְאַחַר כָּךְ אָמַר הַיּוֹם נָטַעְנוּ שֵׁם 'בְּרֶסְלַבֶּיר חֲסִידִים', וְשֵׁם זֶה לֹא יִשְׁתַּקַּע לְעוֹלָם, כִּי לְעוֹלָם יִהְיוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ נִקְרָאִים עַל שֵׁם עִיר 'בְּרֶסְלַב', וְכֵן הָיָה כַּמְפֻרְסָם.**

**"מיר האבן כובש געווען ברסלב מיט 'ריקודין' און מיט 'המחאת כף'!"**[מח].

**וואס עס האט זיך געטוהן אין ברסלב איז דאך אסאך צו רעדן, נאר דער נאמען איז פארבליבן "ברסלב".**

**מיר דארפן אוודאי דאנקען אסאך דעם אויבערשטן, וואס ברוך ה', דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט, מיר זענען אריינגעפאלן אין דעם גורל, וואס אין דעם עולם קען זיין אזוי אז מען זאל איבערגיין דער וועלט און מען זאל גארנישט וויסן וואס דא טוהט זיך; כאטש ווערליג דעם רבי'נס זאך איז מען נישט אזוי ווי מען איז, אבער על־כל־פנים ווערט מען כאטש אנגערופן אויף דעם הייליגן נאמען, מען שעמט זיך כאטש נישט מיט דעם הייליגן נאמען, אדרבה, עס איז נאך א כבוד וואס מען ווערט אנגערופן אויף דעם הייליגן נאמען**[מט].

## אויסהוילן דעם מח

אין ברסלב זענען אלע תלמידים געקומען צום רבי'ן.

זעהט א גרויסקייט פון א תלמיד; רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי רבי פינחס קאריצער, פארשטייט מען דאך, אז ביי רבי פינחס קאריצער געווען א תלמיד, איז ער דאך געווען געוואלדיג גרויס, און אַן איידעם ביי דעם גרויסן רבי לייב סטראסטיניצער - דעם בעל שם הקדוש'ס א חבר איז ער געווען.

דער רבי לייב איז נפטר געווארן אויף דער שיף, האט ער געזאגט: **"ווען מיין איידעם זאל דא זיין, וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן!"**[נ].

---

[מח] שם.

[מט] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מיום ה' תענית אסתר תקצ"ה: **אַף עַל פִּי שֶׁכָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ לְהִתְבַּיֵּשׁ מֵעֲווֹנוֹתָיו אֲבָל בְּעִנְיַן הַקִּבּוּץ שֶׁלָּנוּ מַה שֶּׁאָנוּ נִקְרָאִים עַל שְׁמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ' אֵין לְהִתְבַּיֵּשׁ כְּלָל, זֶה חֶלְקֵנוּ מִכָּל עֲמָלֵנוּ זֶה תִּקְוָתֵנוּ זֶה נֶחָמוֹתֵינוּ זֶה יְשׁוּעָתֵינוּ בָּזֶה וּבַבָּא לָנֶצַח**; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שלוחין ה"ה אות ל"ו: **כָּל אֶחָד הָרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת** שֶׁצָּרִיךְ עַל כָּל פָּנִים לִמְסֹר שְׁמוֹ, שֶׁהוּא נַפְשׁוֹ, בִּשְׁבִיל זֶה, **הַיְנוּ שֶׁיִּתְרַצֶּה לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה עַל יְדֵי שֶׁנִּקְרָא עַל שֵׁם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וִיבַטֵּל כְּבוֹדוֹ**, שֶׁהוּא בְּחִינַת שְׁמוֹ, בְּחִינַת נַפְשׁוֹ, יְבַטֵּל הַכֹּל בִּשְׁבִיל כְּבוֹד ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתְגַּדֵּל עַל יְדֵי שֶׁיִּתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיְּתַקֵּן נַפְשׁוֹ **וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְמָצְאוֹ וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם.**

[נ] חיי מוהר"ן אות תרי"א.

פארשטייט מען דאך ווער רבי יודל איז געווען!

ווען רבי יודל איז אריינגעקומען צום רבי'ן אין מעדוועדיווקע, איז ער אריינגעקומען מיט א גדלות, [ער איז טאקע געווען א גדול], "יורינו רבינו דרך לעבודת ה'" - דער רבי זאל אים ווייזן א 'דרך לעבודת ה'". ער האט דאך אנגערופן (דעם רבי'ן) 'רבינו'. האט זיך אנגערופן דער רבי: "'לדעת בארץ דרכיך?!' אז מען ליגט אין ארציות - וויל מען וויסן א דרך אין עבודת ה'?!"[נא].

א פחד צו הערן!

אזא מין איד, אזא מין צדיק, ר' שמואל אייזיק איז געווען א מקורב ביי רבי יודל'ען, ר' בער איז געווען א מקורב ביי רבי יודל'ען, ער איז געווען א גרויסער מפורסם, און רבי לייב'ס אַן איידעם, רבי פינחס קאריצער'ס א תלמיד, און ער איז געווען עלטער פונעם רבי'ן מיט א פופצן יאר - זאגט אים דער רבי - 'לדעת בארץ דרכך' - אז ער ליגט נאך אין ארציות?! וואספארא ארציות איז געווען ביי ר' יודל'ען?! א 'קדוש אלוקי', א הימל איד געוועזן!

נאר דער רבי ברענגט טאקע אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם"[נב], דער אמת'ער צדיק, אז ער וויל טאקע מקרב זיין אזא מין גדול, דארף ער אים ווייזן "מה" - 'וואס וייסטו?!' 'דו ווייסט נאך גארנישט', 'דו האסט נאך גארנישט געזעהן'; אז נישט - קען ער אים נישט מקרב זיין.

ער מוז דאך אים עפעס ווייזן א נייעס; די נייעס איז - ער ווייזט אים אז ער ווייסט נאך גארנישט - 'מה חמית, מה פשפשת?' דו האסט נאך גארנישט געזעהן!

אז דער רבי האט געוויזן רבי יודל'ען אז ער ווייסט נאך גארנישט, דעמאלט איז ער מקורב געווארן.

די גמרא זאגט[נג], ר' זירא האט געפאסט אזוי פיל תעניתים אז ער זאל פארגעסן

---

[נא] עיין שיחות הר"ן אות רצ"ב; כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ג.

[נב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' (כמובא לעיל).

[נג] ב"מ פה.

**'תלמוד בבלי'. פרעגט זיך דאך א קשיא, ר' זירא איז אריין קיין ארץ ישראל ווייל ער האט געוואלט זיין אין דער ישיבה פון ר' יוחנן, האט ער געפאסט כדי ער זאל פארגעסן דעם 'תלמוד בבלי'; וואס הייסט 'ער זאל פארגעסן דעם תלמוד בבלי'? האט דען ר' זירא פארגעסן 'תלמוד בבלי'? ער איז דאך ווייטער געווען "ר' זירא"!? נאר ער האט געזעהן אז עס איז אזא מין סארט הייליגע זאך דער 'תלמוד ירושלמי', אז ער מוז אוועקלייגן דעם גאנצן מח פון 'תלמוד בבלי' - אבער נישט פארגעסן![נד].**

**רבי נתן האט געזאגט: "איך האב מיין מח אינגאנצן אויסגעהוילט!". האט ער דען אוועקגעלייגט? רבי נתן איז געווען א למדן שפעטער אויך, נאר דעם שכל לייגט מען אוועק אינגאנצן, 'וואס איך הער א וואָרט - אט דאס איז מיין שכל'[נה].**

**אז איינער ווערט מקורב צום צדיק - אבער איך וויים אויך עפעס, דעמאלט וועט ער פון דעם צדיק גארנישט נעמען[נו].**

**דער רבי האט געזעהן אויף רבי יודל'ען אז אויב ער וועט נישט אוועקלייגן אינגאנצן זיין שכל - ער איז רבי פינחס'נס א תלמיד, ער איז רבי לייב סטראסטיניצער'ס אַן**

---

[נד] עיין 'בן יהוידע' שם: ונראה בודאי שלא התפלל שישכח גוף התלמוד, כי תורת אמת הוא, רק רצה שישכח סדר הלימוד שלהם, כי סדר לימודם זה עם זה מוליד ומסבב שיריבו זה עם זה בלימודם, שכל אחד נכנס בדברי חבירו, ומקשה לו רבות קודם שיתיישב בדבריו, וגורם על ידי זה בלבול הדעת, זה צועק מכאן, וזה צועק מכאן, וכיון דהורגל בלימוד זה בבבל מקטנותו, וכל הרגל שהורגל בו האדם מקטנותו קשה עליו לפרוש ממנו, לכך הוצרך להתענות ולהתפלל על עצמו, שישכח אותו הסדר של הלימוד אשר הורגל בו, ויערב לו סדר הלימוד של בני ארץ ישראל, שהם נוחין זה לזה בהלכה, ואין אדם נכנס לתוך דברי חבירו, ואם חבירו אמר דבר של סברה לא יקפחנו בקושיות לסתור דבריו, אף על פי שרואה קושיות בדבריו, אלא יהיה מתוני להתיישב היטב בדברי חבירו, ואדרבה הוא ישתדל לעשות להם קיום וישוב.

[נה] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' קכ"ג: וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ **שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ**, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק.

[נו] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תפילין ה"ה אות ל"ה: כָּל הַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, **אֲפִלּוּ שֶׁל הַיְרֵאִים וְהַכְּשֵׁרִים** כָּל זְמַן שֶׁלֹּא זָכוּ לְשַׁבֵּר תַּאֲווֹת לִבָּם לְגַמְרֵי לְגַמְרֵי בִּבְחִינָה הַנַּ"ל כְּמוֹ עוֹר הַמְעֻבָּד מַמָּשׁ בְּלִי שׁוּם שֶׁמֶץ רֵיחַ בְּעָלְמָא כַּנַּ"ל, עֲדַיִן אֵין לָהֶם שׁוּם שֵׂכֶל כְּלָל, וְכָל שִׂכְלָם הוּא רַק בִּבְחִינַת הַמְדַמֶּה שֶׁהוּא כֹּחַ הַגּוּף כֹּחַ הַבֶּהֱמִיּוּת. מֵאַחַר שֶׁלֹּא פָּשְׁטוּ אֶת גּוּפָם עֲדַיִן לְגַמְרֵי מֵהַבֶּהֱמִיּוּת. וְגַם הַמְדַמֶּה שֶׁלָּהֶם אֵינוֹ מְבֹרָר עֲדַיִן לְגַמְרֵי כנ"ל, עַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּנָם לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים, בְּחִינַת (שְׁמוֹת י"ד) וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ, דְּהַיְנוּ לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים וּלְהַאֲמִין בָּם **וּלְבַטֵּל דַּעְתּוֹ נֶגְדָּם לְגַמְרֵי כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל כְּלָל.**

איידעם, וועט ער פון אים גארנישט נעמען, האט ער אים גלייך געמוזט ווייזן אז דו ליגסט נאך אין ארציות, און ער האט אים טאקע אזוי געוויזן.

און רבי יודל איז דעמאלט אפגעוועזן זעקס וואכן אין מעדוועדיווקע, ער איז נישט געווארן אזוי גיך מקורב צום רבי'ן. זעקס וואכן איז ער געוועזן אין מעדוועדיווקע.

נאכדעם האט רבי יודל געזאגט: "ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן?!" האט ער אפגעלאזט דאשיב און ער איז ארויס אינגאנצן קיין מעדוועדיווקע, ער איז אינגאנצן געווארן א מעדוועדיווקער[נז].

אט דאס זעהען מיר ארויס, אט דאס הייסט א תלמיד, אט דאס הייסט א תלמיד, ער האט אינגאנצן פארלאזט זיין שטאט.

❖

## ווען נישט רבי נתן'ען...

מיר האבן גערעדט פריער פון דעם אנהויב פון דער פליג מיט דעם שפין. צום סוף ברענגט דער רבי דארטן: דער מלך האט גענומען אסאך שבויים, צווישן די שבויים איז געוועזן איינער וואס האט געהאט אין זיך אלע ערליי חן, דער חן איז נישט געוועזן פון אים אליין, נאר עס האט געהאנגען אויף אים א דומיט.

פלעגן אונזערע לייט זאגן, דאס מיינט מען רבי נתן'ען; דער רבי האט אסאך מענטשן מקרב געווען צום אויבערשטן, אבער דאס וואס ער האט געכאפט רבי נתן'ען, דאס איז געוועזן דער 'שבוי' וואס האט געהאט אין זיך אלע ערליי 'חן'.

דאס ווייסט מען, אז "ווען נישט רבי נתן" - האט דער רבי אליין אויף אים עדות געזאגט[נח] - "וואלט פון מיר קיין בלעטל שמות נישט געבליבן!" נישט נאר קיין בלעטל שמות וואלט נישט געבליבן, נאר דער גאנצער נאמען 'ברסלב' וואלט נישט געוועזן!

---

[נז] חיי מוהר"ן אות תרי"א.

[נח] עיין חיי מוהר"ן אות שס"ט-ש"ע.

עס איז נישט אז דער צדיק איז נפטר געווארן, נאר דאס איז א זאך וואס "מיין זאך וועט טליען ביז משיח וועט קומען!"[נט].

❖

## געהייסן 'נישט לאכן'

דער עיקר איז נאר די איינע זאך, מען האט גערעדט פריער אז די עצה פון דעם בעל-דבר איז געוועזן, אַן 'אלטיטשקן', און 'לאכן'. מען דארף זיך זייער דערווייטערן פון זאגן ווערטלעך און פון מאכן ליצנות; דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען - ניי - נישט אלט!

אונזערע לייט פלעגן זיך מאכן אין דעם טאג פון דעם יארצייט נייע קביעות'ן פון לערנען דעם רבי'נס ספרים און מקיים זיין דעם רבי'נס עצות. דער טאג פון דעם הייליגן רבי'נס יארצייט איז א גרויסער עת רצון, עס איז א געוואלדיגער עת רצון, דער עיקר איז, באנייען זיך, אנהויבן לערנען איבער א נייעם דעם רבי'נס ספר, און אזוי יעדע עצה פונעם רבי'ן זאל זיין ניי.

און מען זאל זיך דערווייטערן פון ליצנות. טאמער זעהט מען עפעס א ווערטל, זאל מען אנטלויפן 'כמטחוי קשת'; אזוי פיל רעדן פון 'התרחקות', פון זיך דערווייטערן פון ליצנות, אזוי ווי דער רבי האט גערעדט, איז כמעט נאך נישט געווען אזעלכע.

מיר ווייסן, עס איז געווען ביים רבי'ן ר' ברוכ'ל איינער וואס פלעגט אים פרייליך מאכן, מען האט אים גערופן "רבי הערשעלע אסטראפאלער". די וועלט מאכט פון אים א געלעכטער, אבער מיר ווייסן דאך, ער איז געווען א גדול, ער איז געווען א גרויסער מענטש, ער איז נישט געווען קיין סתם מענטש. זיין זאך איז געווען, זאגן ווערטלעך און מאכן פרייליך דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל.

איינמאל איז דער רבי הערשעלע געקומען צום רבי'ן אויף א שבת. דער רבי האט געוואוסט אז זיין זאך איז נאר זאגן ווערטלעך, און מען פלעגט דאך לאכן. האט דער רבי אנגעזאגט זיינע מענטשן, אז ער וועט זאגן א ווערטל - זאלן זיי נישט לאכן. און רבי הערשעלע האט געזאגט ווערטלעך אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען. האבן אונזערע

---

[נט] חיי מוהר"ן אותיות מ"ו, רכ"ט, ש"ו.

לייט נישט געלאכט[ס]. אז זיי האבן נישט געלאכט, האט ער באקומען 'חלישת הדעת' דערפון, האט דער רבי געמאכט אזוי ווי א שמייכל.

פארוואס רעדן מיר פון דער זאך אזוי פיל? ווארום עס איז געווארן, עס האט זיך ארייגעכאפט אביסל דער ענין פון ווערטלעך און ווערטלעך. דאס איז א געוואלדיגע פארשטעלאכטס אין דעם רבי'נס זאך. מען קען אמאל רעדן אין דעם רבי'נס זאך א שעה-צוויי, און מיט איין ווערטל צעקלאפט מען דאס אינגאנצן.

אט דאס איז געווען די עצה פון דעם בעל־דבר - 'אַן אלטיטשקער', און 'לאַכן'.

❖

## מען רייסט מיר ביי די פּאָלעס

אין ברסלב איז דער רבי געווען אכט יאר. תק"ע נאך פסח איז דער רבי ארויס קיין אומאן[סא].

דער טעם פארוואס דער רבי איז ארויס קיין אומאן איז דאך אסאך צו רעדן. אונזערע לייט פלעגן זאגן, דעמאלט איז געווען א געוואלדיגע אפיקורסות אויף דער וועלט, דעמאלט איז געווען דער 'דעסויער' ימח שמו, דער פון בערלין, ער האט דעמאלט זייער געקאכט מיט זיינע תלמידים.

דער רבי האט דעמאלט געזאגט[סב]: **"עס גייט אַן אפיקורסות!"** עס איז געווען א געוואלדיגע סכנה אויף דער גאנצער וועלט. די מחקרים וואס זענען געווען אין אומאן זענען געווען זיינע תלמידים, זיי זענען געווען זייער גרויסע מחקרים, עס איז געווען א געוואלדיגע סכנה פון אפיקורסות.

איז איינס פון די טעמים פארוואס דער רבי איז ארויס קיין אומאן, אז ער זאל משפיל זיין די דאזיגע, ער זאל מכניע זיין די דאזיגע אפיקורסות'ן פון זיי.

---

[ס] עיין סנהדרין דף צ"ג ע"ב: 'ואשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך' (דניאל א, ד). אמר רבי חמא ברבי חנינא, מלמד שהיו אונסין את עצמן מן השחוק וכו'.

[סא] עיין חיי מוהר"ן אות קפ"ה.

[סב] שיחות הר"ן אות ל"ה.

זיי זענען טאקע ברוך ה' נכנע געווארן צום רבי'ן. זיי זענען נכנע געווארן אויף אזא מין אופן, אז ווען עס איז געקומען ראש־השנה, איז אריין געקומען די דינסט זייערע, זיי זאלן גיין טרינקען טיי, האבן זיי געענטפערט: "פאר די תקיעות וועלן מיר קיין טיי נישט טרינקען!"[סג].

זיי האבן גערעדט ביים רבי'ן, [זיי האבן גארנישט געהאט שייכות צו קיין דאווענען], האבן זיי דעמאלט געדאוונט ביים רבי'נס מנין דעם ראש השנה.

דאס איז אויך א זאך וואס איז געווארן היינט אזוי נחסר, אז אפילו קידוש מאכט מען פאר די תקיעות. אפילו אזעלכע מחקרים וואס זענען געווען אזוי ווייט, האבן זיי געענטפערט: 'פאר די תקיעות וועלן מיר נישט טרינקען קיין טיי!'.

דעם גאנצן זומער פלעגט דער רבי פאר זיי נישט וועלן זאגן קיין תורה. דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען: "**דערציייל זיי אמאל א מעשה פון בעל־שם!**" האט רבי נתן זיך פארוואונדערט פארוואס דער רבי הייסט אים זיי דערציילן א מעשה פון בעל־שם? וואס האבן זיי שייכות צום בעל־שם?! האט זיך אנגערופן דער רבי: "**וואס מיינסטו מיין איך? איך מיין 'ספרו בגוים כבודו'!**" דער רבי האט אלץ געהאלטן זיך מיט זיי א מאס וואס יא רעדן און וואס נישט רעדן[סד].

אז דער רבי איז נפטר געווארן, האבן זיי געזאגט רבי נתן'ען: "**אייך פעלט דער רבי? אונז פעלט דער רבי; ווארום ווען דער רבי זאל זיין, וואלטן מיר געווען אנשים כשרים!**"[סה].

איינער איז געווען הירש בער, דער גרויסער מחקר. האט ער געזאגט: "איך האב שוין לאנג געשוואוירן [נאך רעדן מיטן מויל?!] איך זאל נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען; אבער אז איך גיי אריין צום רבי'ן, רייסט מען מיר ביי די פּאָלעס: 'הירש בער, עס איז דא א גאט אויף דער וועלט!'".

---

[סג] כוכבי אור - סיפורים נפלאים.

[סד] שם.

[סה] שם; גם עיין 'חיי מוהר"ן' אות ר"ח: וּבֶאֱמֶת הוֹדוּ בְּעַצְמָם וְלֹא בוֹשׁוּ אֵלּוּ הַקַּלֵּי עוֹלָם שֶׁאִלְמָלֵי לֹא נִפְטַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּזְמַן קָרוֹב כָּל כָּךְ לִכְנִיסָתוֹ לְאוּמֶין, הָיוּ בְּוַדַּאי חוֹזְרִים בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת.

**אט די זאך איז היינט אויך דא!** (- אז מען גייט אריין צום רבי'ן, רייסט דער רבי ביי די פאלעס: "עס איז דא א ג-אט אויף דער וועלט!")

**וואס הייסט 'איך גיי אריין צום רבי'ן'? אז מען רירט זיך צו צום רבי'נס זאך!**

**אין דעם טאג פלעגט מען נעמען אויף זיך איבער א נייעס א 'קבלת עול' אויף לערנען דעם רבי'נס ספרים. עס גייט אוועק טעג און מען לערנט נישט דעם רבי'נס ספרים; מען דארף וויסן, דער עיקר 'דעת' פון דעם רבי'ן ליגט אין דעם ספר. דער רבי האט געהייסן מאכן פון 'תורות-תפילות', אבער מען דארף טאקע לערנען דעם רבי'נס ספר!**

**דער רבי האט א זאג געגעבן: "מיין ספר וועט טרענען די אדערן!"[סו].**

**דער רבי וויל מען זאל זיין קלאר אין דעם ספר 'ישר והפוך'!**[סז]

**אז מען גייט אין גאס און מען טראכט זיך ווי אזוי דער רבי טייטשט איין א מאמר, ווי אזוי דער רבי טייטשט איין א פסוק, איז דאס מסוגל מען זאל האבן גוטע מחשבות[סח]; פארוואס זאל מען נישט ליגן אין דעם רבי'נס ספרים?!**

**דעם היינטיגן טאג אז עס איז די הילולא פון דעם רבי'ן, דארף מען זיך מקבל זיין מיט א קבלת עול מלכות שמים, מאכן זיך איבער א נייעס 'שיעורים' אין דעם רבי'נס ספרים, און טאקע בעטן דעם אויבערשטן מען זאל מקיים זיין די עצות פונעם רבי'ן.**

**דער אויבערשטער זאל אונז אלע העלפן, דער זכות פונעם רבי'ן זאל מגין זיין אויף אלע אידן, און אויף אונז אויך, אמן.**

---

[סו] עיין חיי מוהר"ן אות שמ"ט: פַּעַם אַחַת הָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ מְאֹד, וְאָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ. וְהָיָה חָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד שֶׁיַּדְפִּיסוּ סִפְרוֹ עוֹד כַּמָּה פְּעָמִים וְיִתְפַּשְּׁטוּ בָּעוֹלָם. וְאָמַר שֶׁיִּהְיוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁיִּלְמְדוּ וְיִתְפַּלְּלוּ עַל יְדֵי הַסֵּפֶר הַזֶּה. וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לִבָּבוֹ. (וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען).

[סז] עיין שיחות הר"ן אות קצ"ט.

[סח] עיין חיי מוהר"ן אות פ"ג: כִּי הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.

# הילולת מוהרנ"ת

עשירה בטבת תשמ"ז

## דעם רבי'נס מח - רבי נתנ'ס מויל

היינט איז שוין געווארן 142 יאר פון רבי נתן'ס הסתלקות! דער סימן איז, "בְּ'שֶׁמֶן קָ'דְשִׁי מְ'שַׁחְתִּיו"[סט].

ווען רבי נחמן טולטשינער איז געווען דאס צווייטע מאל אין לעמבערג, האט ער געטראפן דעם זון פון דעם רב וואס דער רבי איז ביי אים איינגעשטאנען (בעת שהותו בלעמבערג). ר' נחמן האט געהאט דעמאלט די כתבים (- ליקוטי הלכות) אויף צו דרוקן. האט ער דאס געוויזן דעם רב'ס זון. האט ער געזאגט: **"דאס איז דעם רבי'נס מח און רבי נתן'ס מויל!"**.

דער רבי האט אמאל זייער משבח געווען רבי נתן'ען פאר דעם רב'ס זוהן, האט ער אים געזאגט: **"אז דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך מאכן פון דיר אזוי ווי איך האב געמאכט פון נת'עלע'ן!"** - אזעלכע ווערטער האט דער רבי געזאגט דעם רב'ס זון.

האט דער רב'ס זון געזאגט צו ר' נחמן'ען: **"פיסטוילן שיסן מיר אריין אז איך האב נאכנישט זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן אויפן ציון!"**. 'פיסטוילן' הייסט אזעלכע 'חיצים'.

עס איז שוין געווען אזויפיל יארן פון דעם רבי'נס הסתלקות - **'איך האב נאכנישט זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן אויפן ציון!'**.

אז ר' נחמן טולטשינער איז געקומען אהיים, האט ער געזאגט רבי נתן'ען די דיבורים. זאגט רבי נתן: **"איך זאג אויך אזוי, די כתבים זענען דעם רבי'נס מח און מיין מויל!"**.

---

[סט] תהלים פט, כא.

דער רבי איז ארוים קיין ברסלב דערפאר כדי רבי נתן זאל ווערן מקורב; ווארום ווען דער רבי זאל ווען וואוינען אביסל ווייט, וואלט געווען זייער שווער מקורב צו ווערן[ע]; רבי נתן איז דאך געווען פארט ארומגענומען מיט התנגדות.

דער רבי האט געזאגט: "איר דארפט אים אסאך דאנקען; ווען נישט אים, וואלט נישט געבליבן קיין בלעטל שמות!"[עא].

## 'והסתכל בי הרבה'

רבי נתן איז געווען אַן איידעם ביי דעם גרויסן רבי דוד צבי - אזוי האט מען אים גערופן אין אוקריינע: "דער גרויסער רבי דוד צבי!".

רבי נתן איז געבוירן געווארן תק"מ חמשה-עשר בשבט[עב], ער האט חתונה געהאט תקנ"ג שבת-נחמו[עג], און ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן תקס"ב[עד], איז ער שוין געווען ניין יאר נאך זיין חתונה.

ער איז געווען אזוי חביב ביים שווער און ביים טאטן, אז מען האט זיך איבער אים געריסן, דער טאטע האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, און דער שווער האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, יעדער האט געוואלט אז רבי נתן זאל זיין ביי אים, אזוי חביב איז ער געווען ביי זיי; אט דאס איז אלץ געווען איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן.

אבער אז ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן, האט מען זיך שוין איבער אים נישט געריסן, דער טאטע האט אים אוועקגעטריבן פון שטוב, ער האט געמוזט גיין צו דעם

---

[ע] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ג': סִבֵּב ה' יִתְבָּרַךְ בְּנִפְלְאוֹתָיו הָעֲצוּמִים שֶׁיָּצָא אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל לִבְרֶסְלֶב שֶׁהִיא קְרוֹבָה לְנֶעמְרוֹב עִיר מוֹשָׁבוֹ שֶׁל מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל בְּעֵרֶךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיל (שֶׁקּוֹרִין וִויעֶרְסְט) (וְכָל זֶה הָיְתָה סִבָּה מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּדֵי שֶׁיִּתְקָרֵב מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל לַאַדְמוֹ"ר זַ"ל כְּדֵי שֶׁעַל יָדוֹ לֹא תִּשָּׁכַח אֲפִלּוּ דִּבּוּר אֶחָד מִדִּבְרֵי אַדְמוֹ"ר זַ"ל).

[עא] עיין חיי מוהר"ן אות שס"ט-ש"ע.

[עב] ימי מוהרנ"ת ח"א אות א'.

[עג] שם.

[עד] שם אות ב'.

זיידן[עה], ער האט געהאט א זיידע ר' יצחק. דער זיידע האט אים אריינגעלאזט אין שטוב, אבער ער האט אים געזאגט: "דו האסט זיך פארלייגט אויף דיין טאטנ'ס יארן!".

רבי נתן האט געזאגט, 'ער ווייסט נישט פון וואו האט ער גענומען כח אויסצוהאלטן וואס אויף אים גייט איבער!'[עו].

מען קען נישט אויסמאלן וואס אויף אים איז איבערגעגאנגען. נאר וואס דען, 'דער רבי האט געקוקט אויף מיר!' - אזוי שטייט אין "ימי מוהרנ"ת" ביי דער הסתלקות פון דעם רבי'ן[עז], אז 'קודם דער הסתלקות פון דעם רבי'ן האט דער רבי אויף מיר אסאך געקוקט, און דאס קוקן איז געווען אזוי ווי ער וואלט גערעדט - "דו בלייבסט דאך איבער, עס וועט אויף דיר אסאך איבערגיין!".

"איך דערהאלט זיך איצטער נאר מיט דעם כח וואס דער רבי האט אויף מיר געקוקט!".

רבי דוד צבי - רבי נתן'ס שווער, האט געזאגט: "מען האט מיר גערעדט אסאך גוטע בחורים צו נעמען פאר אַן איידעם; פארוואס האב איך אים גענומען? איך האב געזעהן אז ער האט א שיינע פלייצע!". האט געזאגט ר' מיכלע[עח], "וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל"[עט], ער האט געזעהן ער האט א פלייצע, ער קען 'סובל' זיין...

---

[עה] שם.

[עו] שם.

[עז] עיין שם אות ס': וְעָמַדְתִּי לְפָנָיו בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁל יְמֵי חַיָּיו כַּמָּה שָׁעוֹת רְצוּפִים אֲנִי לְבַדִּי ... וְעָמַדְתִּי לְבַדִּי לְפָנָיו אָז בְּאוֹתָהּ הַלַּיְלָה וְהוּא הִסְתַּכֵּל וְחָזָה בִּי בְּעֵינָיו הַנּוֹרָאִים הַרְבֵּה, וְכָל הִסְתַּכְּלוּת שֶׁלּוֹ, שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי הָיָה כְּמוֹ דִּבּוּרִים מַמָּשׁ וַאֲנִי מֵבִין עַתָּה כַּמָּה הִתְחַזְּקוּת וְכַמָּה עִנְיָנִים מֵהִסְתַּכְּלוּתוֹ בִּי אָז וּבְכָל עֵת שֶׁעוֹבֵר עָלַי, חַס וְשָׁלוֹם, מַה שֶּׁעוֹבֵר, בִּכְלָל וּבִפְרָט, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּנִפְלְאוֹתָיו מַצִּילֵנִי מִכֻּלָּם, אֲנִי מֵבִין, שֶׁהַכֹּל הָיָה מְרֻמָּז בְּהִסְתַּכְּלוּתוֹ כִּי הִסְתַּכְּלוּתוֹ הָיְתָה כִּמְדַבֵּר עִמִּי עַל מִי אַתָּה נִשְׁאָר עִם כָּל הָאוֹצָרוֹת הַגְּנוּזִים אֶצְלְךָ וּמַה יִּהְיֶה נַעֲשֶׂה עִמְּךָ, כִּי רַבִּים יַעַמְדוּ עָלֶיךָ וּמַה יַּעֲשֶׂה חָלוּשׁ כָּמוֹךָ וְכוּ' וְכוּ' כָּאֵלֶּה וְכָאֵלֶּה וְיָתֵר מִזֶּה מַה שֶּׁאֵינִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי הַכֹּל הָיָה מְרֻמָּז בְּהִסְתַּכְּלוּתוֹ שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה בְּכַוָּנָה בְּאוֹתָהּ הַלַּיְלָה וְכָל הִסְתַּכְּלוּת וְהִסְתַּכְּלוּת שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי אָז הָיָה שׁוֹהֶה בּוֹ אֵיזֶה שָׁעָה רְצוּפָה.

[עח] בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת.

[עט] בראשית מט, טו.

# עד אפיסת הכוחות

דאס וואס דא שטייט[פ], אז רבי נתן'ען האט זיך גע'חלומ'ט א חלום אין דער צייט, וואס דער חלום האט מרמז געווען אויף זיין הסתלקות; דער חלום איז געווען, ער האט געזעהן דעם רבי'ן, און ער האט געבעטן דעם רבי'ן דער רבי זאל אים זאגן עפעס פון 'ספר הנשרף', האט אים דער רבי געזאגט: "פאר דעם דארפסטו קומען צו מיר; איך וועל מיט דיר לערנען!" - אט דאס האט מרמז געווען אויפן הסתלקות.

אט דעם (לעצטן) שלש סעודות וואס רבי נתן איז געזעצן, איז געווען ביי אים מסירות נפש ממש, די כוחות זענען געווען זייער שוואך, און ער האט געענדיגט דער הלכה[פא]. דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב, האט ער נאר געקענט כאפן א 'ברכו', דערנאך האט אים פארנומען דאס חולאת און ער האט שוין געמוזט אריין אין שטוב.

עס איז געשטאנען איינער פון זיינע מענטשן דעמאלט ביי דער טיר, און ער האט יענעם א זאג געגעבן דעם ווארט: "א יא - גאט פירט אוים?!". ער האט געמיינט דערמיט דאס וואס ער האט ארויסגעכאפט דער 'הלכה'; עס איז געווען זייער שווער, ער האט ארויסגעכאפט דער 'הלכה' מיט אזא מין סארט 'מסירות נפש', מיט אזא מין סארט שלאַפקייט ווי ער איז געווען דארטן, ער האט נאר געהערט דעם 'ברכו', מער האט ער שוין נישט געקענט זיין, ער האט געמוזט שוין ארוים; "א יא - גאט פירט אוים?!".

די אלע זאכענישן - וויפיל ווייסט מען?!

רבי נתן האט אזויפיל אזויפיל (מפרסם געווען), ער איז אזוי געווען מקושר צום רבי'ן, אזויפיל אוועקגעלייגט זיינע כוחות! הן 'בכתב'; א טייל זאגן, 'ווייל איך שרייב, דארף איך שוין נישט רעדן אזויפיל, עס איז גענוג וואס איך שרייב' - דאס איז אויך א טעות; רבי נתן האט זייער אסאך געשריבן, אלע הלכות'ער, אבער ער האט זייער אסאך גערעדט פונעם רבי'ן, זייער אסאך גערעדט פונעם רבי'ן.

---

[פ] במכתב ההסתלקות: וְקֹדֶם לָזֶה סִפֵּר חֲלוֹם, שֶׁהַחֲלוֹם הַזֶּה מְרַמֵּז עַל הִסְתַּלְּקוּתוֹ.

[פא] ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ז.

רבי נתן איז געווען זייער א שוואכער מענטש, ער האט געהאט דאס חולאת פון חולי מעיים, (וואלט ער ווען געדארפט) אביסל מערער אפהיטן דעם שלאף; נאר וואס דען, דאס רעדן פון דעם רבי'ן איז געווען ביי אים אזוי - -

אמאל האט ער אזוי גערעדט פונעם רבי'ן, האט ער געזאגט: "וואס רעד איך אזעלכע הויכע דיבורים?!", האט ער א קוק געגעבן - עס איז דא צען מענטשן - "'כל בי עשרה שכינתא שריא', מעג מען רעדן **אזעלכע הויכע דיבורים!**"[פב].

זעהען מיר ארוים דערפון, רבי נתן איז דאך געווען, 'מעצמו' איז ער געווען א גרויסער גאון, 'מעצמו' איז ער געווען אַן 'איש צדיק', 'מעצמו' איז ער געווען אַן 'איש קדוש', און אלעס אוועקגעלייגט, נאר געווען צו מחיה זיין מענטשן און אריינברענגען זיי אידישקייט - אט דאס איז געווען אינגאנצן זיין זאך.

דער גאנצער נחת-רוח פון רבי נתן'ען 'לאחר הסתלקותו' איז נאר אז מיר זאלן לערנען זיינע הייליגע ספרים, מיר זאלן זאגן זיינע הייליגע תפילות.

רבי נתן האט געזאגט: "איך האב שוין אסאך מענטשן אין גן־עדן דורך מיינע תפילות!"[פג].

און אז מיר זאלן לערנען זיינע מכתבים, אט דאס איז אינגאנצן זיין נחת-רוח.

מען ווייסט דאך, ביים רבי'ן זכרונו לברכה, אז דער רבי האט געטוהן אמאל א מופת, האט ער געבעטן גאט אז מען זאל נישט רעדן פון דעם מופת, מען זאל נישט מאכן פון דעם א געשעפט, נישט דאס איז דער עיקר[פד].

רבי נתן האט דאך אליין נאכגעטוהן דעם רבי'ן, איז דאך נישט זיין רצון אז מען זאל דערציילן מופתים און זאכענישן, זיין רצון איז אויף דאס וואס ער האט אזויפיל מסירת נפש געהאט אויפן רבי'נס זאך, מען זאל לערנען זיינע הייליגע ספרים! יעדער איינער

---

[פב] עיין כעי"ז ב'חיי מוהר"ן' אות שכ"ג אצל רביז"ל בעצמו: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר עִמָּנוּ, וְהָיָה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ, אֵיךְ אָנוּ זוֹכִים וּרְאוּיִים לִשְׁמֹעַ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ תּוֹרוֹת גְּבוֹהוֹת נוֹרָאוֹת וּקְדוֹשׁוֹת כָּאֵלּוּ. אַךְ אָמַר, 'אַכָּל בֵּי עֲשָׂרָה שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא'.

[פג] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ה.

[פד] עיין שיחות הר"ן אות קפ"ו; כוכבי אור - ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר ז"ל.

זאל וויסן אז דורכ'ן לערנען דעם 'ליקוטי הלכות' און זאגן די 'תפילות' און לערנען די 'מכתבים', אט דאס וועט אוודאי מטהר זיין דעם נפש און אים אוודאי דערנענטערן צום תכלית!

(און וויסן אז) סוף־כל־סוף בין איך נישט קיין אייביגער (אויף דער וועלט); אזוי וועל איך קענען קומען גיכער צום רבי'ן. דארטן קומען צום רבי'ן גיכער, איז א געוואלדיגער תענוג, מען קען גארנישט אויסמאלן דעם תענוג פון דארטן. ווארום אז דער אויבערשטער העלפט 'לאחר הסתלקותו', אפילו ער האט שוין א זיכוך, אבער קומען צום רבי'ן איז נאך גאנץ ווייט; ווי מער מען וועט דא טוהן די הייליגע עצות, וועט מען זיין נענטער.

## פארוואס זיצן מיר דא?

דער רבי האט ארויסגעזאגט דעם לשון: "פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין נייעס!" - משיח וועט נישט אויפטוהן קיין נייע זאכן; **"נאר וואס דען, אים וועט מען פאלגן - מיך וויל מען נישט פאלגן!"**[פה].

קומט דאך אויס, אינגאנצן דער רצון פון דעם רבי'ן איז נאר געווען אז מען זאל אים פאלגן. מילא די וועלט איז אביסעלע ווייט פון דעם רבי'ן, אבער מיר דארפן דאך אים אוודאי פאלגן.

זיין תלמיד מובהק 'רבי נתן' האט אויך געהאלטן די אייגענע זאך, זיין זאך איז נאר מען זאל אים פאלגן, מען זאל לערנען זיינע הייליגע ספרים. די ספרים זענען געמאכט געווארן - טייכן טרערן האט ער אויסגעגאסן יעדעס מאל.

דער רבי האט אים אנגעזאגט ער זאל אלע טאג מחדש זיין חידושים. איז געווען אמאל א פרייטאג - ער האט נישט קיין חידוש. דער טאג איז קליין, און דער רבי האט אים פארט געזאגט ער זאל מחדש זיין. איז ער אוועקגעגאנגען און ארויסגעגאנגען 'חוץ לעיר', און ער האט דארטן זיך גוט אויסגערעדט פארן אויבערשטן; אז ער איז

[פה] עיין גם חיי מוהר"ן אות רס"ו.

צוריקגעקומען, האט ער געזאגט: **"איך האב אויסגעקוועטשט פונעם קליינעם פינגער א חידוש!"**[פ].

וואס ליגט דא אין די ווערטער? אז דער רבי האט אים געזאגט ער זאל אלע טאג מחדש זיין, מוז ער דאך פאלגן דעם רבי'ן, 'האב איך פונעם קליינעם פינגער אויסגעקוועטשט' (כנ"ל).

מיר זאלן וויסן, דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט, מיר זענען געוואויר געווארן פון דעם רבי'ן דורך רבי נתן'ען; ווען נישט אים וואלטן נישט געווען די אלע וואס זיצן דא, דאס איז אלץ דורך דעם כח פון רבי נתן'ען!

עס וואלט געווען 'א רבי', עס איז דא אסאך רבי'ס, איז נאך א רבי...

פארוואס זיצן מיר דא? נאר דורך רבי נתן'ען!

דער רצון פון רבי נתן'ען איז געווען, נישט מען זאל דערציילן פון אים מופתים, זיין רצון איז געווען נאר, מען זאל לערנען די הייליגע ספרים זיינע, מען זאל לערנען די מכתבים. אסאך מקורבים זענען געווארן דורך די 'מכתבים'.

רבי נתן האט געזאגט, איך זאג 'בלשונו הקדוש': **"איך האב שוין אסאך צדיקים אין גן־עדן דורך מיינע תפילות!"**.

מיר האבן דאך די תפילות פאר זיך; דער אויבערשטער האט געהאלפן, מען האט ברוך ה' אויגן, מען קען קוקן!

**'אט דאס איז די תפילות וואס מען קען עס שוין אין גן־עדן!'**.

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן'ען: "עס איז אמת אז איר זאגט אז מען וועט אפגעבן 'דין-וחשבון' אז מען זאגט נישט די 'תפילות'?!" - **"איך האב יא אזוי געזאגט - איך האב נישט אזוי געזאגט; איך האב געזאגט, אז מען וועט פרעגן יעדן איינעם**

---

[פ] עיין טעם זקנים קונטרס ל"ה, שסיים רלוי"צ: פארשטייסט? די חידושים פון רבי נתן'ען איז אלעס מיט 'התבודדות', איז אלעס פון די פעלדער און וועלדער! - "איך האב ארויסגעקוועטשט א חידוש!".

**וואס מען וועט אים פרעגן** [-אויף די מעשים זיינע]**, וועט ער שוין אליין זעהן אז ווען איך זאל געווען זאגן די 'תפילות', וואלט איך אט די עוולה נישט געהאט אין זיך!"**[פז].

- מען וועט אים פרעגן פארוואס ער האט געטוהן 'די' עוולה מיט 'די' עוולה, איז וועט ער שוין אליין זעהן אז וואלט ער געווען זאגן די תפילות, וואלט ער נישט געהאט אין זיך די עוולה; הייסט דאס, דער דין-וחשבון וועט זיין אויף וואס ער האט נישט געזאגט די 'תפילות'; נישט אז מען וועט אים פרעגן פארוואס ער האט נישט געזאגט די 'תפילות', נאר מען וועט אים פרעגן 'פארוואס האסטו אין זיך 'די' עוולה מיט 'די' עוולה'; וועסטו שוין אליין, זעהן ווען דו זאלסט זאגן די 'תפילות' וואלסטו נישט געהאט אין זיך די עוולה.

דער רצון פון רבי נתן ז"ל איז נאר - ער האט דאך אזויפיל געהארעוועט און אזויפיל געטוהן - לערנען דעם 'ליקוטי הלכות', לערנען די 'מכתבים', זאגן די 'תפילות'.

איך האב געקענט איינעם, ר' חיים קצב[פח], ער איז געווען אין דער יוגנט א פראסטער, און ער איז געווארן מקורב צו אונז, איך האב אים געזעהן, דאס פנים איז געווען אַן אויסגעווייגט פנים פון די 'תפילות', אויסגעווייגט פון טרערן.

ר' משה (טשענסטעכאווער) האט דערציילט: איך האב גענעכטיגט ביי אים אין שטוב. אויף דער נאכט, האט ער געזאגט די 'תפילות', האט זיך געגאסן טייכן טרערן!

מיר ווייסן דאך, אסאך אידן זענען שוין אין גן־עדן און האבן זוכה געווען דורך זיינע תפילות; **פארוואס שוויגן מיר?!**

**איינער האט אמאל איינעם גע'מוסר'ט: "דו האסט שוין חתונה געהאט פאר עטליכע יאר, און דער טלית איז ביי דיר א נייער טלית - מען זעהט נישט קיין טרערן אויף דיין טלית!"**[פט].

---

[פז] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ד.

[פח] עיין אודותיו ב'טעם זקנים', קונטרסים כ"ו, ע"ג, פ"ט, ק'.

[פט] [עיין שיחות הר"ן אות קע"ב].

**רבי נתן זאגט: דו האסט 'תפילות', און די 'תפילות' זענען נאך נייע 'תפילות', מען זעהט נישט אז עס זאל זיך גיסן טרערן אויף די 'תפילות', דו האסט נייע 'תפילות', זיי ליגן אין שאנק גאנץ פיין...**

## אזא רבי און אזא תלמיד

זעהען מיר ארויס, דער עיקר אונזער חסידות איז נאר, מען האט דיר איבערגעלאזט אזעלכע הייליגע ספרים! דאס איז נאר 'מחמת גודל רחמנותו' וואס השם יתברך האט רחמנות געהאט אויף אונז, ער האט אונז צוגעשיקט אזא מין רבי'ן, מיט אזעלכע הייליגע ספרים, און אזא מין תלמיד.

רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן: "**אזא רבי און אזא תלמיד**" - - [**אזא רבי איז נאך נישט געווען, און אזא תלמיד איז נאך אויך נישט געווען!**][צ].

דער רבי האט געהאט נאך תלמידים, זיי זענען געווען 'צדיקים' 'קדושים' 'בעלי רוח־הקודש', נאר אריינברענגען אט דער זאך אז דעם רבי'נס זאך איז א 'נצחיות', אז דעם רבי'נס זאך איז נישט 'עס איז געווען', נאר 'עס איז איצטער דא', אט דאס איז נאר געווען איין רבי נתן אליין!

אט די זאך אז דעם רבי'נס זאך איז נישט אז 'עס איז געווען א רבי', נישט 'עס איז געווען א ליקוטי מוהר"ן', נאר 'עס איז איצטער דא', מיט דעם איז רבי נתן געווען מערער פון אלע.

קומט דאך אוים, דער עיקר השארה איז נאר דורך רבי נתן'ען!

רבי נתן האט מודיע געווען גלייך, עס איז דא טאקע הייליגע ספרים אסאך, אבער אז איצטער איז אויך דער רבי אונזער רבי, און אז די הייליגע ספרים וואס ער האט

[צ] עיין 'כוכבי אור' - חכמה ובינה אות מ'; גם עיין שם אות מ"א: **כִּי הוּא 'הָרַב וְהַתַּלְמִיד' שֶׁהִבִּיטוּ וְהִסְתַּכְּלוּ עֲלֵיהֶם מִיּוֹם בְּרִיאַת הָעוֹלָם עַד הֵנָּה, וְעַל יָדָם יִהְיֶה נִפְעָל וְנִגְמָר הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל הָעוֹלָמוֹת בְּתַכְלִית תַּכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, שֶׁגַּם אִם לֹא הָיָה אוֹכֵל הָאָדָם אֶת עֵץ הַדַּעַת לֹא הָיָה תִּקּוּן עוֹלָמוֹת כָּזֶה**; גם עיין שם ב'אנשי מוהר"ן' אות ט"ז: **וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ, כִּי 'גַּם הוּא' הָיָה מֵשִׁיב כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה** אִם לֹא הָיוּ נִתְרַחֲקִים מֵאִתּוֹ וּמִדִּבּוּרָיו הַנּוֹרָאִים.

איבערגעלאזט, דאס מיינט ער נאר מען זאל לערנען אין זיי; ווען מען גייט ארויס אין גאס זאל מען טראכטן א מאמר פונעם רבי'ן.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן טאקע, אין דעם זכות פון דעם הייליגן רבי'ן און דעם הייליגן תלמיד צוזאמען, [בשעת מיר האבן אינזין רבי נתן'ען, האבן מיר אינזין דעם רבי'ן, און ווען מיר רעדן פונעם רבי'ן, האבן מיר אינזין רבי נתן'ען; ווען נישט רבי נתן וואלט דאך נישט געבליבן פון רבי'ן קיין בלעטל שמות, איז דאך פאר אונז א גרויסע שמחה די נאכט, נאר דער אויבערשטער זאל אונז העלפן] מיר זאלן טאקע מקיים זיין בפשיטות ובתמימות, לערנען די הייליגע ספרים, און מקיים זיין די הייליגע עצות, און זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

**מו"ה יוסף מענדל כ"ץ הי"ו** (מאנסי)

לרגל אירוסי בתו עם החה"ח דוד נ"י
במו"ה חיים משה האס הי"ו (ק"י)
למזל טוב

**מו"ה יוסף שלמה פרענקל הי"ו** (וויליאמסבורג)

לרגל הולדת בנו
למזל טוב

**מו"ה אברהם רויטנבערג הי"ו** (מאנסי)

לרגל אירוסי בנו החה"ח אהרן נ"י
עב"ג מו"ה שלמה זלמן פריעד הי"ו (לאנדאן)
למזל טוב

**מו"ה אברהם דוד שווארטץ הי"ו** (וויליאמסבורג)

לרגל נישואי בתו עם החה"ח אביגדור הירשפעלד נ"י
למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**